פרייז 20 גראשען. „...STOCH WER C... ...“

[טשענ]סטאכאווער [צייטונג]

[NR 9]

ערשיינט יעדען פרייטאג.

ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

...tek, d. 4 marca 1933 | 5.07 ליכט-צינדען | פרייטאג, ה׳ תרומה ה׳ אדר תרצ״ג.

PODZIĘKOWANIE.

Wyrazy serdecznego podziękowania składamy WPP. Doktorom

BATAWIEMU, FALKOWI,

oraz personelowi szpitalnemu za Ich troskliwą opiekę podczas choroby syna naszego.

Herszlikowie Epsztajn.

Szkoła tańców

baletm. K. KOSTECKIEGO

w lokalu powiększonym

ul. **waszyngtona 6.** daw. **Jasna.**

Zapisy na kursy 1 lekcje oddzielne codz. od 10-ej rano do 9-ej wiecz.

שבת 4 ד. ח. 8 אוונד פראקטישע לעקציע

פאר יודישער געזעלשאפט און אויך יעדען שבת,

אויך דינסטאג, דאנערשטאג און זונטאג אווענד.

צוגענגליכע פרייזען.

D. RAPAPORT

PIŁSUDSKIEGO 32,

udziela lekcji gry na fortepianie, akompaniuje w rewjach i koncertach i przyjmuje bale.

התראה.

איך פאָדער אויף צום לעצטען מאָל מיין לאָקאטאָר **אלתר האראוויטש**, אז איהר זאלט אויסליידיגען די דירה ביז דעם 1 אפריל 1933 וועל איך אייך שענקען דעם חוב פון 2 יאהר דירה-געלד, ווי אויך פאר 2 יאהר וואסער וואס מיר קומט, אנדערש וועל איך מוזען אויספיהרען די עקסמיסיע וועלכע איז אין מיין בעזיץ.

קאָפיל מיטעלמאן, ווארשאווער 6.

ענטשולדיגונג.

מיר אונטערגעשריבענע בעטען ענטשולדיגונג ביי דער מאגאזין-סעקציע ביים שניידער-צעך פאר אונזער אינטאקטישער האנדלונג. אלס סימן פון חרטה שפענדען מיר 30 זל. פאר דער אויבענדערמאנטער סעקציע.

פריימאן, טאָביאש.

ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי דער מאגאזין-סעקציע ביים שניידער-צעך פאר מיין אונטאקטישער האנדלונג.

איך פערזיכער, אז אזעלכעס וועט מעהר נישט פארקומען.

יעקל עסטרייך.

ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי דער סעקציע פון מאגאזין ביים יודישען שניידער-צעך פאר מיין אונטאקטישער האנדלונג. אלס סימן פון חרטה שענק איך 5 זל. פאר׳ן יודישען שפיטאל.

י. פיליפאָוויטש.

ענטשולדיגונג.

איך ענטשולדיג זיך פאר׳ן ה׳ **פאוועל שלעזינגער** פאר איהם בעליידיגען אין א זעהר אויפגערעגטען צושטאנד.

אלס סימן פון חרטה שענק איך 1 זל. פאר דער געז. „טאָז“.

דוד לוגערנער.

שווין צו פערדינגען

א געוועלב מיט אלע איינריכטונגען

אויף בערק יאסעלעוויטשא גאס 2 (פריהער אגראדאווא 15)

ערקונדיגען ביי **ראדאשיצקי**, אלטער מארק 20.

Nasze najgłębsze współczucie RODZICOM i SIOSTRZE GRUCOM z powodu przedwczesnego zgonu jedynego Ich Syna i Brata, naszego najukochańszego kolegi

b. p. IZIA

składają:

Genia, Pola, Gutka, Franka, Minia, Estusia, Pola Z., Karola, Józek, Stasiek, Heniek, Iziek, Lajbek i Mietek

---

דער אלעמען בעקאנטער שניידער-מייסטער

ה. דרעקסלער,

טשענסטאכאוו, ב. יאסעלעוויטשא 9

מאכט בעקאנט די ג׳ קונדשאפט, אז מיט׳ן 1 מערץ 1933 זענען אנגעקומען אויסלענדישע און אינלענדישע שטאפען פון דער לעצטער מאָדע צום זומער-סעזאָן

אויך צוליעב דער שווערער צייט האב איך בעשלאָסען צו געבען מעגליכקייטען זיך אנצוטהוען

גוט און עלעגאנט צו זעהר **גוטע בעדינגונגען.**

מיט אכטונג **מענער-שניידער-מייסטער ה. דרעקסלער,**

יאסעלעוויטשא 9, פריהער אגראדאווא 6

אכטונג טשענסטאכאוו און פראוויגץ!

דאס לאנג-יעהריגע וויין-און ספיריטוס-געשעפט

פון **יצחק מענדיל עפשטיין**

איז איבערטראָגען געוואָרען אויפ׳ן **נייעם מארק** רוג **ווארשאווער**

„ZŁOTY RÓG“

א. ד. פ.

וואו ס׳איז צו בעקומען אלערליי **וויינען**, ספיריטואליען, מעהד, קאָניאק און אנדערע משקאות, אלס עכט, אונגעפעלשט, דערונטער גאנץ אלטען וויין און „כרמל“ צו מעסיגע פרייזען.

האָפענטליך, דאָס די ג׳ קונדשאפט וועט ווייטער מיר שענקען צוטרוי און האנדעלס-בעציהונגען — צייכענט זיך מיט אכטונג:

יצחק מענדיל עפשטיין און **שמשי שטשופאק.**

אויך טאבאק-אויסארבייטונגען דאָ צו בעקומען.

M. ROZEN, Częstochowa, ALEJA 9

מאכט בעקאנט דעם ג׳ פובליקום

אז די פאבריק פון טוך און קאָרטען

פון דער בעקאנטער פירמע

JÓZEF RAPAPORT i S-ka w BIELSKU

האט געעפענט ביי מיר א פאבריקס-סקלאד פון זייערע אויסארבייטונגען, די בעסטע סאָרטען און די נייעסטע מאָדעלען,

וועלכע ווערען פערקויפט צו פאבריקס-פרייזען.

מיט אכטונג **מ. ראָזען.**

FABRYKA MEBLI GIĘTYCH

A. E. SZMULEWICZ

Spadkobiercy

Częstochowa, Narutowicza № 19/23

עקזיסטירט פון 1886 י.

מאכט בעקאנט, דאס די פאבריק איז לעצטענס איבערגעטראגען געווארען אויף

נארוטאָוויטש גאס נר. 19/23,

וואו איהר בעקומט אלעראַרט

געבויגען מעבעל ווי: **שטוהלען, אומיוואלקעס,**

וויעשאקעס פערשידענע פאסאָנען **טישען** אויך **גארניטורען**

אַלעס צו פאבריקס-פרייזען. הורט און דעטייל.

געדענקט די פירמע **א. ע. שמולעוויטש**, נארוטאוויטשא 19/23.

הירשל הכהן ביבער

איז נאך קורצע און שווערע ליידען געשטארבען אין עלטער פון 60 יאהר.

די לויה איז פאָרגעקומען זונטאג, ד. 26 פעברואר 1933 י. (ר״ח אדר תרצ״ג).

גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען אונזער טהייערען נפטר דעם לעצטען כבוד

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע **פרוי, זיהן** און **שנור.**

אונזערע חברים די **ברידער ביבער** צום טויט פון זייער ליבען

פאטער נ״ע

הערשיל

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

דער געזו. דראמאטישער קרייז ביים „טאָז“.

פרחים ושושנים קלועים ושדירים ובתוכם ברכת מזל-טוב חמה ולבבית לחברינו ה״ב כהלכה מר **פנחס נתן** נ״י **קופפער** לארישיו תהא דרך בחיים צלחה.

הבירך **חיים ברוך לאנדסמאן, אליעזר פישעל.**

אלומות ברכות ובתוכם ברכת מז״ט הכיחמה לבבית אנו מוקישים לך ידידנו האהוב מר **פנחס נתן** נ״י **קופפער** לרגלי אירושך, תהא דרכך סוגה בשושנים ותזכה לבנות ביתך מתוך עושר ואושר.

המברכים **מ. קלימן, א. הלפגוט.**

די **פערוואלטונג** פון די **יודישע גימנאזיעס**

האט דעם כבוד איינצולאדען איהרע מיטגלידער אויף דער

אלגעמיינער פערזאמלונג

וועלכע קומט פאר אין לאקאל פון גימנאזיום (דאמבראָווסקי 7) **זונטאג** דעם 5 מערץ ד. י. 3 נאכמ. און אין צווייטען טערמין 4 נאכמ. ביי יעדער צאהל אנוועזענדע מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג. 2) אויסוועהלען א פארזיצענדען. 3) פארלעזען דעם פראטאקאל פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג. 4) בעריכט פאר׳ן שול-יאהר 1931/32 און ערטיילען אבסאלוטאריום דער פערוואלטונג. 5) בודזשעט פאר׳ן יאהר 1932/33 י. 6) ענדערונג פון § 1 פון סטאטוט. 7) וואהלען פון 5 מיטגלידער אויפ׳ן ארט פון די ארויסטרעטענדע ה״ה: פרושיצקי, אדוו. האסענפעלד, בערלינער, אדוו. גיט׳לער, און שעלצער. 8) אויסוועהלען 3 מיטגלידער אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע און 3 פערטרעטער. 9) פרייע פארשלאגען.

די פערוואלטונג.

מענער-כאָר אויפ׳ן נאמען א. ב. בירנבוים

ביים צענט. יוד. האנדוו. - פערבאנד אין פוילען, אפט. אין טשענסטאָכאוו.

שבת, ד. 4-טען מערץ קומט פאָר אין פייערלעשער-זאל

דער ערשטער גרויסער קאנצערט

אין פראגראם:

פאָלקס = לידער, אריעס, קלאסישע מוזיק

אויך די בעקאנטע תלמוד-ראפסאָדיע פון א. ב. בירנבוים **„במה מדליקין“**

אין מענער-כאָר בעטייליגען זיך די היגע בעקאנטע זינגער ווי:

גראבינער, עדעליסט, שמידט, ריכטער, וואגא, אברמאן און אנד.

דיריגענט: **ה. לעווקאָוויטש.** אקאמפאניאמענט: **פרל. ד. ראפאפארט.**

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה׳ באטשאן, אלעע 6.

דער פון לאנג-בעקאנטער טשענסטאכ.

דוד כראפאט

: שילדען=מאלער :

וועלכער האט די לעצטע יאהרען געוויילט אין אויסלאנד און האט צו דעם צוועק באזוכט א סך מאלער-אקאדעמיעס אין **בערלין, דיסעלדארף, ברעסלוי** און **האנאווער** האט זיך אומגעקעהרט נאך טשענסטאכאוו, וואו ער פיהרט אויס

די שענסטע שטובען און שילדען-ארבייט

לויט די נייעסטע מאָדערנסטע סטילען פון דער מאלער-קונסט

צו זעהר צוגענגליכע בעדינגונגען.

מיט אכטונג **ד. כראפאט,**

קאטעדראלנא 13. פריהער סטראזשאצקא 8.

ב״ע

משה לייב שומאכער

איז געשטארבען נאך לאנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 80 יאהר

די לויה איז פארגעקומען מיטוואך, דעם 1 מערץ 1933 י. (ג׳ אדר תרצ״ג)

גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען אונזער טהייערען נפטר דעם לעצטען כבוד.

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זוהן, שנור, ברידער, אייניקלעך און פאמיליע.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע מיטגלידער פרוי **שומאכער** און **זוהן** ווי אויך ה׳ **אברהם שומאכער** צוליעב דעם טויט פון אונזער לאנג יעהריגען טרייען מיטגליד נ״ע

משה לייב שומאכער

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים, קאמיטעט און **מתפללים**

פון דער שוהל **„אהל יעקב“.**

אַסע

עסערן די צו פערברייטערן די טעטיגקייט פון די אַזוי-וויכטיגע הילפס-אַנשטאַלטען.

ווי עס איז זיינער צייט איבערגעגעבען געוואָרען האט דער דאָזיגער פראָפּאַגאַנדע - חודש איבעראַל געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג. די הויפּט-אַרבייט וואס איז בעשטאַנען אין דעם אַז עס זאָלען ווערבירט ווערען שטענדיגע מיטגלידער פאַר די קאַסעס, וועלכע זאָלען צאַהלען אַ רעגעלמעסיגען חודש-בייטראַג האט איבעראַל איבערגעשטיגען אַלע ערוואַרטונגען, מען האָט דערצעהלט פאַקטען וועגען קליינע יודישע קהלות, וואו די איינוואוינער זענען עפ"י רוב בעלי-מלאכות און קליינהענדלער וועלכע זענען אַלע ווי איין מאַן געקומען און געבראַנגט זייערע אָבגעשפּאָרטע גראָשענס אַלס בייטראַג פאַר די קאַסעס, און אין אַלע שטעדט האָט דער קאַפּיטאַל, און צוזאַמען מיט דעם די טעטיגקייט פון די אינסטיטוציעס זיך פיעלפאַך פערגרעסערט.

דאס קען פאַר אונז דינען אַלס בעסטער בעווייז ווי ווייט וויכטיג און נויטווענדיג די קאַסעס זענען פאַר דער יודישער בעפעלקערונג און ווי ווייט די לעצטע פערשטעהט צו שוינען די דאָזיגע נויט-קאַסעס, וועלכע האָבען שוין בעוויזען פיעל יודישע בעלי-מלאכות און סוחרים אָבצוראַטעווען פון אונטערגאַנג.

און מיר האָבען אין יענער צייט זיך געווענדעט צו דער גמ"ח קאַסע וועלכע עקזיסטירט ביי דער קהלה אַז אויך זי זאָל אַזוי ווי אַלע אַנדערע שטעדט אַדורכפיהרען דעם פראָפּאַגאַנדע-חודש ווייל אויך מיר ווייסען ווי אונגעהויער נויטיג די דאָזיגע איז ביי אונז אין שטאָדט, און וועלכען גרויסען נוצען זי ברענגט פאַר דעם היגען יודישען מיטעלשטאַנד זינט זי עקזיסטירט.

מיר האָבען אויך דערביי דערמאַנט אַז כאָלד ביים ענטשטעהן פון דער קאַסע ביי אונז אין שטאָדט מיט 5 יאָהר צוריק האָבען מיר אָנגעוויזען אויף דעם אַז שוין דאַמאָלס איז נישט געפיהרט געוואָרען די ענטשפּרעכענדע זאַמעל-אַרבייט צווישען די היגע יודען

ניגענדער טע-
מעהר ברענגען
אַרייגעפרענגט.
אַגאַנדע - חודש איז
היינטיגען טאָג נישט
רט געוואָרען איז דאס דער-
צו אונזער גרויסען בעדויערן האפען די אַרומרייסענישען און חלוקי-דעות וואס קומען פאַר ביי אונז אין שטאָדט זיך אָבגערופען אויך אויף דער דאָזיגער אינסטיטוציע, מען האט צווישען זיך געקעמפט וועגען פערכאַפען די קאַסע און האָבען דאָרט די גאַנצע דעה, און מען האט דאַביי פערגעסען אָדער נישט גענומען אין אַכט אַז דאס איז אַנ'אַנשטאַלט וואס איז פיעל אָבהענגיג אין אויסערן דאס הייסט אייגענטליך אין „דזשאָינט" וועלכער האט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר די קאַסע, און איז גרייט אויך ווייטער צו קומען מיט זיין הילף און שטיצע, און די דאָזיגע אַרומרייסענישען האָבען זיך פערצויגען ביז דער לעצטער צייט.

איצט, ווי מען גיט אונז איבער, איז די זאַך ערלעדיגט, עס איז געקומען צו א אויסגלייך צווישען דער נייער קהלה-פערוואַלטונג און דעם פוריגען קאָמיטעט פון דער קאַסע, און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ געמישטער קאָמיטעט מיט אַ נייטראַלען פאָרזיצענדען, וועלכער האט שוין איבערגענומען די פונקציע און צוגעטרעטען צו זיין טעטיגקייט.

מיר האַלטען דעריבער, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט אַדורכצופיהרען אויך ביי אונז דעם אַזוי - גערופענעם הילפס-חודש, אין וועלכען עס זאָל אונטערגענומען ווערען אַ ענערגישע אַקציע צו זאַמלען דעקלאַראַנטען און מיטגלידער פאַר דער קאַסע.

דער נייער אָזער אַלט-נייער קאָמיטעט טאָר זיך ביי קיין פאַל נישט בעגניגען לאָזען מיט'ן אָנפיהרען מיט דער קאַסע אין איהר איצטיגען מצב און מיט איהרע בעשרענקטע מיטלען מיט וועלכע זי איז נישט אימשטאַנד צו בעפרידיגען אפילו דעם קלענסטען טייל פון די וואס ווענדען זיך נאָך הלוואות-שטיצע, נאָר זייער אויפגאַבע איז אומבעדינגט זיך צו בעמיהען און אָנצווענדען אַלע מעגליכקייטען, אַז דער קאַפּיטאַל פון דער קאַסע, וועלכער ווערט כסדר איינגעשרימפען זאָל זיך איצט פערגרעסערן, און מיט דעם זאָל זי קענען פערגרעסערן איהר טעטיגקייט און ארויסהעלפען די קריזיס-געליטענע, וועמענס צאָהל עס פערגרעסערט זיך ליידער פון טאָג צו טאָג.

עס דאַרפט קומען די נויטיגע איניציאַטיוו מצד דעם קאָמיטעט, און די היגע יודען זענען אָהן ספק אויף אזוי פיעל רייף צו פערשטעהן די גרויסע וויכטיגקייט פון דער דאָזיגער הילפס-אינסטיטוציע, און צו אונטערשטיצען זיי מיט דער פולער מאָס.

י. פ.

די וואָך.

אין דייטשלאַנד.

זינט היטלער איז געוואָרען קאַנצלער פון דייטשען-רייך און האט איבערגענומען די מאַכט איז פערשטענדליך אין לאַנד ענטשטאַנען אַ מהומה, וועלכע הויבט זיך אָן פערוואַנדלען אין א בלוטיגען ביהגער-קריעג. די וואָך איז פאַרגעקומען א אונטערצינדונג פון דער גרויסער פאַרלאַמענט-געביידע אין בערלין. דער אונטערצינדער איז אַ האָלענדישער קאָמוניסט. און דאָס האט פערורזאַכט, אַז די היטלער-מאַכט נעמט אָן זעהר שאַרפע רעפּרעסיעס געגען דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין דייטשלאַנד. מען פערמאַכט זייערע צייטונגען, דרוקערייען און פאַרטיי-לאָקאַלען. עס קומען פאַר רעוויזיעס און אַרעסטען פון קאָמוניסטישע טהוער. דער רייכס-פּרעזידענט האט ארויסגעגעבען א דעקרעט וועגען שיצען דאס דייטשע פאָלק געגען קאָמוניזם, און עס ווערט אין דייטשלאַנד אָבגעשאַפט די פּריי-הייט פון וואָרט און פּרעסע.

פון א צווייטער זייט ווערט דאָגעגען פערזיכערט, אַז די אונטערצינדונג איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע פון די היטלעריסטען, וואָרום דער אונטערצינדער איז נאָך מיט צוויי יאָהר צוריק אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פאַר פּראָוואָקאַציע, און אַזוי אַרום ווערט שטאַרק בעגרינדעט דער פערדאַכט, אַז די היטלעריסטען זעלבסט, האָבען אונטערגעצינדען דעם רייכסטאַג, כדי צו קענען אַדורכפיהרען רעפּרעסיעס, פערשטאַרקען זייער מאַכט, און אָבצושיבען די פאַרשטעהענדע פאַרלאַמענט-וואַהלען.

די דייטשע יודען.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען די לאַגע פון די יודען אין דייטשלאַנד ביי אַזאַ מהומה, וואָס קומט פאָר אין לאַנד, און בעת די שונא-ישראל האָבען די מאַכט אין זייערע הענד. די טעג האָבען די היטלעריסטען געמאַכט א אַנשטעל, אַז זיי האָבען א פערדאַכט דאָס די יודען האָבען בעציהונגען מיט די קאָמוניסטען און צוליב דעם אַדורכגעפיהרט א שטרענגע רעוויזיע אין „צענטראַל-פעראיין פון די דייטשע יודען". טראָץ דעם וואס ווי בעוואוסט איז דער דאָזיגער פעראיין אַדורכגענומען מיט זיין דייטשען פּאַטריאָטיזם, און נישט בלויז מיט קאָמוניסטען נאָר זאָגאַר מיט אַנדערע ראַדיקאַלע עלעמענטען האט ער קיין שום שייכות נישט. די שטימונג צווישען די דייטשע יודען איז אין אַלגעמיין א זעהר געדריקטע.

יאַפּאַן—כינא.

דער קאָנפליקט וואס קומט פאָר זינט עטליכע יאָהר צווישען יאַפּאַן און כינאַ, נעמט אָן וואס אמאָל שאַרפערע פאָרמען, און די קאַמפען וואס קומען פאָר צווישען ביידע מלוכות פערשטאַרקען זיך פון טאָג צו טאָג. דער פעלקער-בונד האט זיך איינגאַנצען געשטעלט אויף דער זייט פון כינאַ און ערקלערט אַז די אָנפאַלען פון יאַפּאַן זענען ביי קיין פאַל נישט בערעכטיגט, אָבער יאַפּאַן האַלט זיך עקשנות'דיג ביי איהרע פאָדערונגען און וויל נישט אָבשטעלען די אַטאַקעס. עס הערשט דעריבער א מורא אַז די פעראינטערעסירטע מלוכות, איבערהויפּט אמעריקאַ וועלען מוזען נעמען א שטעלונג אין דער פראַגע, און דאס קען נאָך דערפיהרען צו א פרישע וועלט-מלחמה.

וואָס הערט זיך אין ארץ-ישראל?

עס פעהלען ארבייטס-קרעפטען.

פון א"י קומען ווייטער אָן ידיעות וועגען א גרויסען מאַנגעל אין אַרבייטס-קרעפטען. אין פיעל יודישע קאָלאָניעס וואו מען איז די טעג צוגעטרעטען צו די פּלאַנטאַציע-ארבייטען פיהלט זיך אַנ'אויסערגעוועהנליכער און שוין לאַנג נישט נאָטירטער מאַנגעל אין אַרבייטס העַנד. דאס אַרבייטס - ביוראָ פון הסתדרות העובדים אין איהר אַפּיציעלען קאָמוניקאַט שטעלט פעסט אַז „עס קען נישט צוגעשטעלט ווערען אפילו א קליינער פּראָצענט פון די הונדערטער אַרבייטער וואס פאָדערן זיך אין לאַנד". די הסתדרות גיט דאַריבער ארויס פערשידענע אינסטרוקציעס וועגען דער פאָרם פון ארבייט וועלכע זאָלען ערמעגליכען אַז די אַרבייט זאָל געטהון ווערען, און נישט דאַרפען בלייבען צוריקשטעליג צוליעב'ן פעהלען פון אַרבייטס-הענד.

עבר הירדן.

די פראַגע וועגען פערקויפען יודען באָדען אין עבר-הירדן איז ווייטער די הויפּט-טעמא פון טאָג, די אַגיטאַציע פון די שאַוויניסטישע אַראַבער געגען פערקויפען באָדען צו יודען האָט נישט קיין ווירקונג ווייל דאס לעבען איז שטאַרקער פון די אויסגעדראָשענע לאָזונגען. עס איז אַ פאַקט, אַז אין עבר הירדן הערשט אַ שרעקליכער הונגער-נויט, און אונגעהויערע גרויסע שטחים ערד שטעהען פּוסט, אין דער צייט ווען ס'איז בעוואוסט דאס ווען מען זאָל דאס לאַנד עפענען פאַר יודען, וואָלטען זיי מיט זייער אונערשעפּליכער ענערגיע אויפגעלעבט דאס לאַנד און וואָלטען געווען אַ ברכה פאַר אַלע איינוואוינער, אַזוי ווי דאס איז אין א"י. עס איז קיין שום צווייפעל נישט אַז עס איז בלויז א פראַגע פון א קורצער צייט ווען עבר הירדן וועט מוזען עפענען איהרע טויערען פאַר יודען, און קיין שום דראָהונגען פון די שאַוויניסטען ווילען נישט העלפען.

די ערקלערונג פון הויך-קאָמיסאַר.

א זעהר גינסטיגען איינדרוק האט געמאַכט אויפ'ן יודישען ישוב די ערקלערונג פון הויך-קאָמיסאַר סער וואָוקאָפּ, וועלכער האָט ערקלערט דער אַראַבישער דעלעגאַציע אַז עס קען קיין רייד נישט זיין וועגען בעגרענצען די יודישע איינוואַנדערונג קיין א"י אָדער בעשרענקען זייערע רעכט צו קויפען באָדען אין לאַנד, אַזוי לאַנג ווי מען זעהט אַז מיט'ן אָנקומען פון יודען ווערט דאס לאַנד אין אַלע געביטען אויפגעלעבט.

דאס איז ז'אס ערשטע מאָל וואס מיר הערען פון ענגלישען הויך-קאָמיסאַר קלאָרע און דייטליכע ווערטער, וועלכע זענען אין איינקלאַנג מיט'ן פּראַקטישען און ריינעם אמת, נאָכדעם ווי מיר זענען געווען געוואוינט צו הערען די אומגעלומפּערטע בעריכטען פון פרענטש, סימפּסאָן און אַנדערע ענגלישע שליחים וועלכע האָבען אַלע געזעהען פערקעהרט ווי דאס לעבען ווייזט.

עס איז קיין ספק נישט, אַז די דאָזיגע דייטליכע ערקלערונג וועט עפענען די אויגען פון די כלומרשטע אַראַבישע אָנפיהרער וועלכע זענען נישט אויסען די טובה פון לאַנד, וואָרום ווי עס ווערט מיטגעטיילט איז דאס אַראַבישע פאָלק איינשטימיג מיט די ערקלערונגען פון הויך-קאָמיסאַר ווייל זיי אַליין זעהען און זענען איבערצייגט אַז די יודישע איינוואַנדערונג איז א ברכה פאַר'ן לאַנד, און א דאַנק דער יודישער אַרבייט איז א"י יעצט דאס איינציגע לאַנד וואו עס הערשט נישט קיין אַרבייטסלאָזיגקייט, און אַלע צווייגען און געביטען פון דער ווירטשאַפט בליהען און וואַקסען פון טאָג צו טאָג.

די ענטלאָפענע. (43

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין דייטשלאַנד אין 18-טען יאָהר-הונדערט.

פון י. איזאַקזאָהן.

(פאָרטזעצונג).

א שרעקליך אומגליק האָט פּאַסירט—האָט דוד רייכמאַן געזאָגט צו זיין פרוי—די גאַנצע יודישע געטאָ אין פראַנקפורט איז פערברענט געוואָרען, פון גאַנצען יודישען האָב און גוטס איז געוואָרען אַ באַרג אַש.

און יעקב משה?—האט די פרוי געפרעגט דערשראָקען.

איך ווייס נישט ספּעציעל וועגען איהם, אָבער לויט ווי מען דערצעהלט איז קיין שום יוד נישט געראַטעוועט געוואָרען, ס'הייסט קיין מענשען, זאָגט מען, האָט נישט געשאַדט, אָבער אַלע יודישע הייזער מיט זייער גאַנץ פערמעגען זענען פערברענט געוואָרען.

און וואס טהוט מען?

קודם כל מוז מען זיך היטען, אַז חנה'לע זאָל זיך וועגען דעם נישט דערוויסען, ווייל זי וועט דאס נישט איבערהאַלטען, זי וועט זיכער וועלען אַהיימפאָהרען, און איידער מען ווייסט וואס דאָרט איז קען מען זי דאָך נישט לאָזען פאָהרען.

און ווי אַזוי וועלען מיר זיך דערוויסען וואס מיט יעקב משה'ס הויז איז פאָרגעקומען?

איך וועל באַלד אָוועקשרייבען א „שנעל-בריעף" צו יעקב משה'ן, און ווען עס וועט אָנקומען ענטפער וועט מען גיכער קענען וויסען וואס צו טהון.

אין זעלבען טאָג האט דוד רייכמאַן אַוועקגעשיקט אַזאַ „שנעל-בריעף" אויף וואס מען האט געמוזט האָבען א ספּעציעלע ערלויבניש פון דער מאַכט צו שיקען אין א צווייטער מדינה, אָבער ער האט די ערלויבניש בעקומען, ער האט אויך אין געהיים דערצעהלט אַדאָלפ'ן די גאַנצע זאַך, און זיי האָבען דאס געמאַכט אַזוי אַז חנה'לע זאָל קיין זאַך נישט בעמערקען.

אָבער נאָך 8 טאָג איז דער בריעף צוריקגעקומען, ווייל מען האט דעם אַדרעסאַט נישט געפונען צוליעב דער שרפה, וואס האט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן אַז מען ווייסט נישט וואו עמיצער געפונט זיך.

יעקב משה מיט אַדאָלפ'ן האָבען זיך כסדר בעראַטען וואס צו טהון און אַז חנה'לע זאָל זיך נישט עפּיס מערקען האט דאס געהייסען אַז זיי רעדען וועגען פערשידענע געשעפטען, אָבער פאַרט האט חנה'לע אָנגעהויבען בעמערקען אַז מען היט זיך עפּיס פאַר איהר, עס איז איהר פאָרגעקומען פערדעכטיג וואס רייכמאַן מיט זיין פרוי און אַדאָלף טהון זיך שטענדיג סוד'ן, בעזונדער דאס וואס זי האט נישט בעקומען קיין בריעף פון די עלטערן האט זי שרעקליך בעאונרוהיגט, און זי האט זיך נישט געקענט קיין אָרט געפונען.

רייכמאַן מיט זיין פרוי און טאָכטער האָבען נישט געקענט צוזעהן דעם צער פון חנה'לען, איבערהויפּט האט דאס אויף אַדאָלפ'ן זעהר שלעכט געווירקט, און דעריבער ווען זיי האָבען זיך אין געהיים בעראַטען איז ביי זיי פערבליבען דאס ביי א געלעגענהייט ווען זי וועט נאָכאַמאָל פרעגען זאָלען זיי איהר דערצעהלען וועגען די שרפה, נאָר נישט דעם גאַנצען אמת.

נאָך אין דעם זעלבען אָווענד ווען זיי זענען געזעסען ביים נאַכט-עסען און חנה'לע האָט גאַרנישט געוואָלט עסען נאָר געזעסען זעהר פערטראַכט, האט דוד רייכמאַן צו איהר געזאָגט:

זאָג מיר חנה'לע פאַרוואס ביזטו אזוי טרויעריג? וואס איז דיר, צו ביזטו חלילה עפּיס נישט געזונד?

מור איז גאַרנישט — האט חנה'לע טרויעריג געענטפערט — איך בין געזונד, אָבער איך טראַכט וועגען מיינע עלטערן, דאס האַרץ זאָגט מיר אַז ס'איז אינדערהיים עפּיס פאָרגעקומען.

אָבער וואס פעלט דיר איין פּלוצים?

אַזוי לאַנג האָבען מיר שוין קיין בריעף נישט געהאַט, און דאס איז נישט גלאַט, און איך זאָג אייך דעם אמת, איך בין חושד אַז איהר ווייסט וועגען עפּיס וואס איהר טהוט פון מיר פערהוילען.

זיי האָבען נאָך געפּרובט איהר אויסרעדען און פערזיכערן אַז זיי ווייסען נישט וועגען קיין שום זאַך, אָבער זעהענדיג אַז חנה'לע וויל זיך נישט בערוהיגען און האַלט זיך אַלץ ביי דעם זעלבען, האט דוד רייכמאַן צו איהר געזאָגט:

אויב דו וואָלסט נישט געווען אַזוי שטאַרק דענערוווירט און איך זאָל נישט מורא האָבען אַז דו וועסט זיך איבערשרעקען, וואָלט איך דיר געזאָגט דעם גאַנצען אמת אַז מיר האָבען עפּיס געהאט א ידיעה וועגען א שרפה וואס איז פאָרגעקומען אין פראַנקפורטער געטאָ, אָבער קיין גענויעס ווייסען מיר נישט.

חנה'לע איז שרעקליך בלאַס געוואָרען, און האט אָנגעהויבען יאָמערליך צו וויינען, נישט קענענדיג ארויסרעדען קיין וואָרט.

זעהסטו, איך בין גערעכט געווען וואס כ'האב דיר נישט געוואָלט וועגען דעם זאָגען, מיר ווייסען אייגענטליך נישט וואס עס איז דאָרט פאָרגעקומען, דאס געטאָ איז דאָך גענוג גרויס, און ס'האָט געוויס דיינע עלטערן גאַרנישט אָנגעריהרט, און אָט מאַכסטו שוין פון דעם אַזאַ גאַנצע טראַגעדיע.

א שרפה אין געטאָ — האט חנה'לע געיאָמערט — איהר קענט אייך נישט פאָרשטעלען וואס דאס הייסט, די הייזער זענען דאָרט אַזוי געדיכט איינס נעבען צווייטען אַז ביי א שרפה איז אונמעגליך עפּיס אָבצוראַטעווען, איך האָב געהערט וועגען א שרפה וואס איז פאָרגעקומען אין געטאָ מיט פיעל יאָהרען צוריק און דאַמאָלס האט זי געהאַט שרעקליכע פאָלגען.

אַלע זענען געזעסען שטיל, קיינער האט נישט געוואָגט קיין וואָרט אַרויסצורעדען און חנה'לע האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען ביז ענדליך זי האט אויסגערופען:

איך פאָהר אהיים נאָך פראַנקפורט.

אָבער דאס איז דאָך נישט אַזוי לייכט צו זאָגען פאַר א יונג פרייליין צו פאָהרען פון וואַרשאַ קיין פראַנקפורט—האט רייכמאַן געפּרובט זי אָבצווענדען טראָץ דעם וואס ער האט געוואוסט אַז זיינע ווערטער וועלען נישט ווירקען.

קיין זאַך וועט מיך נישט צוריקהאַלטען — האט חנה'לע ווייטער געזאָגט זיך אויפשטעלענדיג פון אָרט, באַלד מאָרגען אינדערפריה וועל איך אַוועקפאָהרען, און איהר וועט מיר געוויס נישט אָבזאָגען פון באָרגען געלד אויף רייזע-שפּעזען.

און איך וועל מיטפאָהרען — האָט אַדאָלף אויסגערופען — איך קען דיך ביי קיין פאַל נישט לאָזען פאָהרען אַליין אַזאַ ווייטען וועג, איבערהויפּט ווען דו ביזט אַזוי שרעקליך אויפגערעגט.

און איך וועל אייך בעגלייטען — האָט דוד רייכמאַן געזאָגט מיט א וויציגען טאָן — אַלס רעליגיעזער יוד קען איך נישט דערלאָזען, אַז צוויי יונגע מענשען, אַ יונגערמאַן מיט א מיידעל זאָלען פאָהרען אַזאַ ווייטע שטרעקע.

א לענגערע צייט האָבען זיי נאָך צווישען זיך גערעדט, און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז באַלד צומאָרגענס זאָלען אַלע דריי, דער אַלטער רייכמאַן, אַדאָלף און חנה'לע אָבפאָהרען קיין פראַנקפורט.

(פאָרטז. קומט).

יוסף קלאַרמאַן

„כפר-מכבי".

(נאָך דער קאָנפערענץ פון די קק"ל עסקנים).

נישט בלויז אין די מוסקולען האָט עס זיך געהאַנדעלט, ווען מאַקס נאָרדוי האָט געחלומ'ט וועגען „מוסקול-יודענטום"; דער עיקר: וואָסערע ראָל וועלען די מוסקולען שפּילען אין דער רענעסאַנס-תקופה. אויב מיר זאָלען רעדען אין יענער מלוכה-שפּראַך: „א געזונדטע נשמה אין א געזונדטען גוף" וואָלט עס געהייסען: אונזער נאַציאָנאַלע אידעע — די נשמה — האָט געזאָלט מגולגל ווערען אין אַ געזונדטען גוף, וועלכער וועט אין דער צוקונפט דאַרפען ערפילען א שליחות פון יענער אידעע.

מען האָט מיט אונז יאָהרענלאַנג איינגעטענה'ט: פאַרוואָס ביי די אומות העולם ווערט דער ספּאָרט געפּראַוועט „לשם ספּאָרט" און איהר ווילט דערין אריינלייגען די נאַציאָנאַלע קדושה?

עס וועלען נאָך אַוועק פיעל יאָהרען ביז מען וועט ביי אונז פערשטעהן, אַז דאָס, וואָס ס'איז ביי די אומות העולם א נאָרמאַלע ערשיינונג האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער אַנאָרמאַלער לאַגע פונ'ם יודישען פאָלק. ווען ביי די אומות העולם איז די נאַציאָנאַלע פראַגע א געלעזטע—שטעהט זי אָבער ביי אונז יודען נאָך אויף דעם סדר-היום, און ווי לאַנג זי וועט איהר תיקון נישט בעקומען—וועלען אַלע אונזערע מעשים זיין געוועגדעט אין איין ריכטונג, שאַפען א בעסערן מאָרגען פאַר'ן יודישען פאָלק אין דער צוקונפטיגער יודישער מלוכה,

און אין דער יודישער ספּאָרט-בעוועגונג האָט טאַקי דער דאַזיגער געדאַנק גובר געווען אין די לעצטע יאָהרען, יונגעלייט פון אַלע ארבע כנפות העולם האָבען עולה רגל געווען מיט א יאָהר צוריק קיין ארץ-ישראל און מיט א פּאָר וואָכען צוריק צו די הרי-זאַקאָפּאַנע, דעמאָנסטרירענדיג דעם פאָלקס-ווילען פון זעלבסט-בעפרייאונג אונטער דעם אַזוי פיעל זאָגענדיגען נאָמען: „מכביאדע".

יאָ, אין דעם פערחושכ'דיגען לעבען פונ'ם יודישען פאָלק לעבט ווידער אויף דער העראָישער גייסט פון יהודה המכבי קאַמף. איבערזעצט עס אין דער שפּראַך פון די נייע מכבים: „בדם ואש יהודה נפלה — ובדם ואש יהודה תקום"...

„מכבי" איז בכן געוואָרען איינער פון יענע אינסטרומענטען, וועלכע דאַרפען פערשנעלערן דעם אויפבוי און די ערקבערונג פון ארץ-ישראל, און אויב ארץ-ישראל איז היינט-צו-טאָג פאַר'ן „מכבי" א ווענדע-פונקט, איז דאַן א פשיטא, אַז עס דאַרפען דאָרט אויסגעבילדעט ווערען אינסטרוקטאָרען, וועלכע זאָלען מיט זיך מיטבּרענגען אין די גלות-לענדער דעם גייסט פונ'ם מכבי-לאַנד.

און ווען דער וועלט - פערבאַנד פון „מכבי" האָט פערשטאַנען צו פּראָקלאַמירען אַנ'אַקציע, כדי צו שאַפען, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקען א מ ק ל ט א. נ. „כפר מכבי", פערדינט די דאַזיגע ערשיינונג בעגריסט צו ווערן.

* *

מיינער א פריינד, וועלכער איז דורכגעדרינגען מיט'ן גייסט פון די אַמאָליגע „מכבים", קען בשום אופן נישט מוחל זיין, פאַרוואָס מען האָט דעם נאָמען „מכבי" צונויפגעפּאָרט מיט דעם וואָרט „כפר", וואָס בעדייט דאָרף, מ'האָט דאָדורך—זאָגט ער—פּערקלענערט דעם שחאוגג, אונטערגעהאַקט די אַדלערפליגעל פון דער אַמאָליגער מלוכה'שער „מכבי"-אידעע און זי איינגעפּאַסט אין א דאָרף...

איך זעה דערין, להפך, א סימבאָל: דאָס אָרט, וואו עס איז אויסגעשמידט געוואָרען מיט איבער 2 טויזענד יאָהר צוריק דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון יהודה המכבי איז אויך געוועזען א ד אָ ר ף. און אויב דאָס נייע „מכבי-דאָרף—„כפר מכבי"—וועט ווייטער וועבען יענעם פאַדים—טאָ זאָלען געבענשט זיין די הענד, וואָס וועלען העלפען אויפבויען יענעם בנין!

שמעון קראַק.

די פאַשיסטישע מיליץ.

(פון ציקל: איינדריקען פון איטאַליען).

אין חודש פעברואַר 1933 ווערט 10 יאָהר זינט איטאַליען האָט אנגעגומען איהר נייעם היינטיגען, כאַראַקטער, אין פעברואַר 1923 איז ענטשטאַנען די זעהר כאַראַקטעריסטישע פאַרטיי-באַיובקע, וועלכע איז היינט-צו-טאָג די עליטע פון דער קעניגליכער אַרמעע.

די דאַזיגע פאַרטיי-באַיובקע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין איהר ערשטער ענטשטעהונג מיט'ן צוועק צו בעקעמפען דעם סאָציאַליזם און קאָמוניזם; זי האָט זיך רעקרוטירט פון די קאָמבאַטאַנטען פון דער לעצטער וועלט - מלחמה, ווירקענדיג אונטער'ן נאָמען „סקוואַדרי".

פון אָנפאַנג האָבען זיך די נישט-געפעהרליכע „פּאַשי" אין קאַמף מיט זייערע געגנער בענוצט מיט זעהר פּרימיטיווע מיטלען ווי פאָלקאָס און ריצין-אייל, וועלכען זיי האָבען געצווינגען זייערע געגנער צו טרינקען.

דער גענעראַל-קאָמאַנדאָר פון דער פּאָליציי—גיאָליטטי—האָט נאָכהער געשאַפען פאַר די פּאַשיסטען פּאָליצייאישע אַרסענאַלען, כדי זיי זאָלען זיך פערזעהן מיט אַלץ, וואָס ס'איז פאַר זיי נויטווענדיג אין קאַמף אויף קליינע דיסטאַנסען.

גיאָליטטי האָט געגלויבט, אַז די סאָציאַל-קאָמוניסטען פון איין זייט און די פּאַשיסטען פון דער צווייטער זייט אין זייערע געגנזייטיגע קאַמפען וועלען זיך אויסראָטען און מיט דעם וועלען זיי שאַפען אַנ'אָפּענעם וועג פאַר'ן קעניגליכען רעזשים.

ער האָט זיך אָבער פערטוישט, דען די דעמאָראַליזאַציע ביי די סאָציאַליסטען האָט די דיסציפּלינירטע פאַשיסטען ערמעגליכט צו האָבען די אויבערמאַכט און זיי האָבען וואָס אַמאָל מעהר אָנגעהויבען ארונטערצופאַלען אונטער דעם איינפלוס פון די פאַשיסטען, די צעפאַלענקייט פון די „רויטע העמדלעך" איז געוואָרען א טאָג-טעגליכע ערשיינונג, ביי זעהר קליינע פערלוסטען פון די שוואַרצע.

אין א געוועהנליכען טאָג האָט זיך אין דער שפּיץ פון דער קאָאַליציע-רעגירונג געשטעלט מוסאָליני; עהנליך ווי היינט אין דייטשלאַנד היטלער.

די עראָבערונג פון רוים איז געווען א פולשטענדיגע בעפעסטיגונג פון די פאַשיסטישע מיליצישע כחות, וועלכע איז פערקערפּערט געוואָרען אין מלוכה'שען ארגאניזם פון לאַנד, מיט'ן מאָמענט, ווען מוסאָליני איז געקומען צו דער מאַכט.

אין דער דאַזיגער צייט האָט מען אין מלוכה-דינסט צוגענומען 180 טויזענד ענערגישע און געטרייע מיליציסטען, וועלכע זענען געווען גרייט אויף אַלץ פאַר זייער פיהרער מוסאָליני איבערלאָזענדיג אויך אין ציוויל א 50 טויזענדיגע רעזערוו.

קיין וויכטיגע פונקציעס האָט מען זיי אין אָנהויב נישט ערטיילט, זיי האָבען געהיטען די באַהן-סטאַציעס, באַהן-טאָרען א. א.

די מיליץ האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט'ן מיליטער, וועלכעס האָט זיך זאָגאָר דערווייטערט פון די פאַשיסטען און דער אָפיצירען-קאָרפּוס האָט נישט געוואָלט אנערקענען די פּולקאָווניקעס פון די שוואַרצע, בעטראַכטענדיג זיי אַלס מינדערוועדטיגע.

מיט דער צייט אָבער איז וואָס מעהר געוואַקסען די בעדייטונג פון די „שוואַרצע העמדלעך" און מען האָט זיי איבערגעגעבען וואָס מעהר פערענטוואָרטליכע און דיסקרעטע אויפגאַבען.

ביז היינט נאָך שאַרען זיך די שוואַרצע אויף אַלע באַהנען, אַכטונג געבענדיג אויף די פּאַסאַזשירען אין אַלע וואַגאָנען — דאָס האָב איך אָבסערווירט אין דער צייט פון מיין רייזע איבער איטאַליען — זענען די פּאַסאַזשירען אָבסערווירט, מיט א בעזונדערער בעריקזיכטיגונג פון אויסלענדער, וואָס א קורצע ווייל, בעזוכט דאָס קופּע דער דיזשורירענדער מיליציסט סיי ביי טאָג סיי ביינאַכט, ער הערט אונטער געשפּרעכען, איבערבליקט די צייטונגען, וועלכע עס לייענען די רייזענדע נישט אָבלאָזענדיג פון זיי דאָס אויג אויף א סעקונדע.

געוויסע אָבטיילונגען ווערען אויך איבערגעוויזען אין דער קאָלאָניאַל-דינסט. אַנדערע אָבטיילונגען רעקרוטירען זיך אויך פון אוניווערזיטעט-סטודענטען, דאָס זענען די מיליצישע אוניווערזיטעט-אָבטיילונגען, וועלכע זיצען גאַנצע שעה'ן אויף די פּאַרטראַגען, מיט'ן צוועק צו קאָנטראָלירען די פּראָפעסאָרען צי זיי זענען געגוג לאָיאַל צו דער רעגירונג.

די פערזאַמעלטע מונדורירטע מיליץ האָט מיך זאָגאָר—נישט זייענדיג דערצו צוגעוואוינט—אין א טעות אריינגעפירט.

אין מיין רייזע האָב איך אויך געוואָלט בעזוכען די אוניווערזיטעטען און די פּאָליטעכניק אין נעאַפּאָל, מען האָט מיר געוויזען די גאַס, נאַטירליך האָב איך געפונען א זעהר שעהנעם בנין אויפ'ן אָנגעצייכענטען אַדרעס, אָבער דער פּאָדער-האָל איז געווען בעזעצט מיט צעהנדלינגער מונדורירטע מיליציסטען.

מיינענדיג, אַז דאָס איז א קאָמיסאַריאַט, בין איך ווייטער געגאַנגען. קורץ נאָכדעם האָט מיך אויף מיין ביטע א פריינדליכער איטאַליענער צוגעפיהרט צו דער אוניווערזיטעט, דאָס איז צו דעם זעלבען בנין, וועלכען כ'האָב אָנגענומען פאַר א פּאָליצייאישען אַמט.

דאַמאָלס ערשט האָב איך געפונען אויף דער וואַנד די ענטשפּרעכענדע אויפשריפטען, אָבער שטענדיג האָט זיך מיר נישט געלאָזט גלויבען דאָס עס קען עקזיסטירען די עקסטעריטאָריאַליטעט פון העכערע לערן-אַנשטאַלטען, און אַז דער מיליץ איז ערלויבט צו איבערטרעטען דעם אַקאַדעמישען באָדען. א זעהר אינטערעסאַנטער מאָטיוו צו כאַראַקטעריזירען די מאָדערנע בעגריפען.

די צאָהל פון דער דאַזיגער מיליץ איז אָפיציעל געוואַקסען ביז 350 טויזענד, לויט דער מיינונג פון זאַך-קענער דערגרייכט די דאַזיגע ציפער ביז א האַלבען מיליאָן.

מוסאָליני האָט אויך רעפאָרמירט די אָרגאַניזאַציע פון די „שוואַרצע העמדלעך" צובינדענדיג זיי צו דער אַלט-רוימישער טראַדיציע. די גאַנצע מיליץ איז געטיילט אין לעגיאָנען, געבענדיג זיי אַנשטאָט — ווי ס'ווערט היינט פּראַקטיצירט די געהעריגע פעהנער — רוימישע אַדלערס.

צי אַלע העכסטע אַמטען לאָזט מען נישט צו די יעניגע, וועלכע זענען אין דער פּאַרטיי אריינגעטרעטען נאָכ'ן נצחון פון דער פּאַשיסטישער רעוואָלוציע.

מיט א קורצער צייט צוריק, האָט מען אין איטאַליען אויך פערעפענטליכט א דעקאַליאַג פאַר מיליציסטען, און זעהר אינטערעסאַנטע זאַכען געפונען מיר דאָרט, אַזוי צ. ב. לויטעט דער 8-טער פונקט: „מוסאָליני איז שטענדיג גערעכט", און דער 10-טער פונקט לויטעט: „דאָס טייערסטע פאַר אַנ'אמת'ן פּאַשיסט דאַרף זיין דאָס לעבען פון פיהרער".

אויך עקזיסטירט אין איטאַליען א פּאַשיסטישע יוגענד-אָרגאַניזאַציע א. נ. „באַלילא". עס ווערען דאָרט צוגענומען קינדער שוין פון זעקס יאָהר-אַלט, מען דאַרף זעהען מיט וואָס פאַר א שטאָלץ עס מאַרשירט אַזאַ קליינער מיליציסט אָנגעטהון אין א שוואַרץ העמדעל מיט א ספּעציעל אויספּראָדוצירטע אמת'ע ביקס...

צוליעב די וואַקסענדע בעדייטונג פון דער מיליץ פאַר מוסאָליני'ס אינטערעסען, איז זי אויך אַנערקענט געוואָרען דורכ'ן אָפיצירען-קאָרפּוס. אַזוי ווערען ביסלעכווייז די „שוואַרצע העמדלעך", די עליטע פון ז'ער קעניגליכער אַרמעע, מיט אָבטיילונגען, וואָס אַנ'אמת זעהר פּאַשיסטישע, אָבער אָבטיילונגען אין וועלכע עס ליגט א גרויסע פערענטוואָרטליכקייט. אויף די דאַזיגע לעגט מוסאָליני האָפנונגען.

ביז היינט ציז נאָך נישט געווען א געלעגענהייט אויסצופּרובירען זיי...

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

מאַכט זיך אַמאָל א וואָך, ווען דו האָסט נישט קיין אינטערעסאַנט מאַטעריאַל וועגען די געשעהענישען פון דער וואָך, דאַרף מען נישט פערצווייפלען, נאָר אוועקגעהן אין ראַבינאַט-קאַנצעלאַריע, כאַפּען א שמועס מיט ר' משה יצחק'ן און דאַן קען מען זיין זיכער, אַז עס וועט גיכער אויספעהלען פּלאַץ איידער מאַטעריאַל.

בעגראַבען איין ווייב, די צווייטע נישט גע'גט און חתונה געהאַט מיט א דריטער.

ביידע שטאַמען פון וואָלאַשטשאָווע. ער, יחזקאל מ. האָט פאַר א פאַר יאָהר צוריק בעגראַבען א ווייב אין וואָלאַשטשאָווע, וועלכע האָט איהם איבערגעלאָזט עטליכע קינדער, איז ער אַוועק קיין לאָדז אַרבייטען, (ער איז אַ גאַרבער), זיך דאָרט בעקענט מיט א יפה פיה און נישט לאַנג טראַכטענדיג האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט און זיך געלאָזט טרייסטען...

לאָדז איז איהם אָבער באַלד מיאוס געוואָרען און מסתמא אויך זיין נייע „טרייסט", האָט ער זיך אָביסעל אַראָבגעכאַפּט קיין טשענסטאָכאָוו, וואו ער האָט זיך בעגעגענט מיט זיין אַלטע וואָלאַשטשאָווער בעקאַנטע דינה פּ., וועלכע האָט שוין אויך בעוויזען צו בעגראַבען א מאַן און איז איצט אויף דער וואַקאַנדע.

האָט מען זיך געטראָפען איינמאָל, נאָכאַמאָל און מען האָט בעשלאָסען צו געבען א שפּיי אויף אַלעם און שטעלען אַ חופה. פריהער אָבער האָט מען אונטערהאַנדעלט מיט דער לאָדזשערין וועגען נעמען א גט, נאָר ווען די טראַנזאַקציע האָט זיך נישט איינגעגעבען, האָט מען בעשלאָסען צו שטעלען א חופה בשתיקה און עס שטעלען פאַר א געשעהענעם פאַקט.

מיט א קורצער צייט צוריק איז אויף דער סענאַטאָרסקאַ גאַס פאָרגעקומען אין דער אַגוועזענהייט פון עטליכע עדות די קדושין צערעמאָניע פון יחזקאל מ. מיט דינה פּ.

מען האָט געטרינקען בראָנפען מיט פערבייסען און צוגעוואונשען דעם יונגען פּאָר א גליקליך, צופרידען צוזאַמענלעבען.

ר' משה יצחק שלאָפט אָבער נישט, האָט ער דערשנאָפּט די מעשה און יעצט ווערט דאָס פאָרפאָלק געשלעפּט צום בית-דין.

דערזוויל ווייזט זיך אַרויס, אַז ר' יחזקאל האָט נישט נאָר איין ווייב... אָבער דאָס געהט שוין אונז נישט אָן, זאָל מען געטרויען דעם בית-דין, אַז זיי וועלען זיך שוין אַנ'עצה געפּען מיט דעם 2-ווייבערניק.

צוליעב א טעות פון א באַהן-קאַסירער.

פון שטעדטיל זאַקליקאָוו, לובלינער גובערניע, האָט א יודישע פריילין זיך געקליבען צו פאָהרען קיין וואַרטאַ (דוואַרט) אין א קבוצה, כדי דורכצומאַכען א הכשרה, איז זי אַוועק אויף דער באַהן-סטאַציע און געבעטען א בילעט קיין וואַרטאַ. דער קאַסירער האָט נישט לאַנג געטראַכט און אויסגעשריבען א בילעט קיין ווארטא.

אויפ'ן בילעט איז געווען בעמערקט, אַז מען דאַרף פאָהרען דורך טשענסטאָכאָוו. קומענדיג קיין טשענסטאָכאָוו האָט זי געוואָלט פאָהרען ווייטער קיין ווארטא, נאָר קיינער פון די קאָנדוקטאָרען און אפילו דער באַהן-נאַטשעלניק האָט נישט געוואוסט פון אַזאַ באַהן סטאַציע און איבערהויפּט, אַז מען דאַרף פון לובלין קיין ווארטא פאָהרען דורך טשענסטאָכאָוו.

ס'פערשטעהט זיך, אַז די פערצווייפלונג פון דעם פריילין איז געווען אין לשער, איבערהויפּט, ווען אין געלד-בייטעלע האָט שוין געטאָגט, זיי האָבען אָבער גאָרנישט געקענט העלפען, האָט מען זי ארויפגעפיהרט אין ראַבינאַט, וואו זי האָט מיט ביטערע טרערען בעוויינט איהר גורל.

נאָך לאַנגע טראַכטענישען האָט מען זיך משער געווען, אַז דאָ איז פאָרגעקומען א טעות פון באַהן - קאַסירער, דהיינו: נעבען טשענסטאָכאָוו איז פערהאַן א טאַווראַווע סטאַציע, וואו מען לאַדענט קאַלך און רופט זיך ווארטא. דער זאַקליקאָווער קאַסירער, אנשטאַט צו געבען א בילעט קיין דוואַרט הערענדיג ווארטא און אריינקוקענדיג אין דער ליסטע און געפונענדיג א סטאַציע ווארטא, האָט ער נישט לאַנג געקלערט און אויסגעשריבען סטאַציע ווארטא...

הקיצור, דער קהלה - פּרעזעס האָט איהר געגעבען א צעהנער זלאָטי, אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט איהר צושטייער געגעבען 6 זלאָטעס און מען האָט איהר אויסגעקויפט א בילעט קיין דוואַרט הסמוכה ללאָדז.

נאָר עגמת-נפש און צרות האָט זיך דאָס פרייליין געגוג אָנגעליטען פאָהרענדיג אויף דער הכשרה און אַלץ צוליעב דעם טעות פון באַהן-קאַסירער.

דער תכשיט האָט זיך אָבגעזוכט.

בעת דער מלחמה איז זער היגער איינוואוינער וואָלף זאַווין אַוועק אין דער מלחמה, איבערלאָזענדיג אינדערהיים א פרוי מיט קינדער.

די מלחמה האָט זיך געענדיגט, נאָר ר' וואָלף האָט פערגעסען אַהיים צו קומען.

די פרוי האָט זיך געוואָנדען אין אַלע אינסטאַנצען, נאָר מען האָט איהר לייִדער נישט געקענט געבען קיין געגויע ידיעות. ביז איינמאָל האָט מען איהר געראַפען אין רויטען קרייץ, וואו מען האָט איהר ערקלערט, אַז איהר מאַן איז אומגעקומען בעת די שלאַכטען.

די אלמנה האָט געטרויערט נאָך איהר מאַן און האָט געוואָלט אין איהם פערגעסען, נאָר דער פרויען-אינסטינקט האָט איהר אָבער געזאָגט, ניין! איהר מאַן לעבט, האָט זי זיך טאַקע געהאַלטען פאַר אַנ'עגונה און נישט פאַר קיין אלמנה. והראיה, זי האָט ביז'ן היינטיגען טאָג נישט חתונה געהאַט...

פאַר צוויי יאָהר צוריק איז אין טשענסטאָכאָוו פאָרגעקומען א חתונה, וואו עס איז אויך געווען א מחותן פון דובנאָ, צוזאַמענרעדענדיג זיך מיט דער פרוי זאַווין, האָט דער דובנער מחותן דערצעהלט, אַז ער האָט אין דובנא געזעהן אַזאַ מענש, וואָס איז שטאַרק עהנליך צו איהר מאַן. די פרוי האָט זיך דאָס אָבער נישט געלאָזט גלויבען, נאָר דאָך האָט אָנגעהויבען אין איהר האַרץ צו טליען אַ האָפנונג, טאָמער דאַך, אַזעלכע זאַכען טרעפען זיך דאָך אויף דער וועלט, האָט זי אוועקגעשריבען בריעף קיין דובנאָ, נאָר אין קול ואין עונה.

הקיצור, די אלמנה-עגונה האָט זיך געוואָנדען צום ראַבינאַט, וועלכער האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דעם ענין און אָט איז אָנגעקומען א בריעף פון דובנער ראַבינאַט, אַז ר' וועלוויל געפונט זיך טאַקע אין דובנא, וואו ער האָט אין יאָהר 1918 חתונה געהאַט און איצט איז ער א טאַטע פון 5 קינדערלעך.

נאָך לאַנגע השתדלות פון דובנער ראַבינאַט האָט זאַווין בעוויליגט צו גט'ן זיין טשענסטאָכאָווער פרוי, אויב זי וועט מסכים זיין צו בעצאָהלען פאַר די גט-הוצאות.

די אונטערהאַנדלונגען קומען פאָר.

איבער'ן „מי אדיר" איז ער אַראָב פון זינען.

און נאָך דערצעהלט מען, אַז צוליב א „מי אדיר" איז א מענש, א יוד, אַראָב פון זינען.

די מעשה שטעלט זיך פאָר ווי פאָלגענד:

ביים מסדר-קדושין זיין זינגט דער שטאָדט-חזן ה' באַדאַש דעם „מי אדיר" און דער משורר ר' ישראל ר. בעגלייט איהם.

יענע וואָך זענען פאָרגעקומען עטליכע חתונות, איז דעם חזן איינגעפאַלען צו זינגען א נייעם מי אדיר, וואָס איז דעם משורר געווען פרעמד און ממילא האָט ער נישט געקענט מיטזינגען, האָבען די מחותנים איהם נישט געוואָלט בעצאָהלען, האָט ער זיך דאָס געגומען צום האַרצען און איז אַראָב פון זינען און האַלט אין איין שרייען:

די יודענפראַגע אין פוילען אין דער צייט פון יאַנואַר-אויפשטאַנד.

(צום 70-טען יאָהר-טאָג פון אויפשטאַנד 1863 — 1933).

(סוף).

די רוסישע מאַכט, וועלכע האט ביז-איצט געפיהרט אין פוילען אַ רעאַק-ציאָנערע פּאָליטיק, האט איינגעפיהרט פערשידענע בעגרעניצונגען און האט זיך בעמיהט אויסצוואָרצלען דעם פוי-לישען נאַציאָנאַלען גייסט, האט יעצט איינגעזעהען, אונטער דער ווירקונג פון די שטראָמען, וועלכע האבען אַנגעהוי-בען צו נורטעווען אין דער פוילישער געזעלשאַפט, אַז זי האט „איבערגעצוי-גען דעם שטריקעל" אין האָט בעשלאָ-סען אָנצוהויבען אַ ליבעראַלען קורס.

צו דעם צוועק האט מען אַבגעטיילט די ציווילע מאַכט פון דער מיליטערי-שער און אין איהר שפּיץ אין אַוועקגע-שטעלט געוואָרען אַ בעדייטענדע פוי-לישע פּערזענליכקייט, גראַף וויעלאָ-פּאָלסקי. וויעלאָפּאָלסקי האט געהאַט אַ ענערגישען כאַראַקטער און דעם בעס-טען ווילען צו פערבעסערן די לאַגע פון זיין פאָלק, אָבער ער האט זיך גע-האַלטען פעסט און דעריבער האט ער נישט געזוכט קיין אַנלעהנונג אין דער געזעלשאַפט. וויעלאָפּאָלסקי האט אַרויס-געגעבען אַ גאַנצע רייהע געזעצען, וואס זייער צוועק איז געווען צו פערבריי-טערן די פוילישע אויטאָנאָמיע, ווי דער זעלבסטפערוואַלטונגס-געזעץ און פּיעל אַנדערע.

אין יענער צייט איז געוואָרען אַק-טועל די יודענפראַגע. אין דער פּרעסע האט זיך ענטוויקעלט אַ גרויסע דעבאַ-טע וועגען דער גלייכבערעכטיגונג פון די יודען. די געגנער פון דער יודען-עמאַנציפּאַציע האבען אַרויסגערוקט פאָלגענדע טענות: ערשטענס בעטראַכ-טען די יודען פוילען פאַר אַ צייטוויי-ליג וואוין-לאַנד און זיי ווילען זיך אומ-קעהרען קיין א"י. זיי בעטראַכטען זיך אַלזאָ אַליין פאַר אויסלענדער און דע-ריבער דאַרף מען זיי נישט גלייכבע-רעכטיגען מיט אַלע בירגער. צוויי-טענס האבען זיי געטענה'ט, די יודען שטרעבען זיך אַן כלומרשט מיט אַלע זייערע כוחות צו בעשווינדלען די גוים און דערפאַר דאַרף מען זיי נישט גלייכבערעכטיגען.

וויעלאָפּאָלסקי האט געוואָלט אַרי-בערציהען די יודען אויף דער זייט פון דער מאַכט געגען דער פוילישער גע-זעלשאַפט, וואס פון איהר איז ער גע-בליבען איזאָלירט, טראָץ דעם, וואס ער איז געווען אַן'איבערגעגעבענער פוילישער פּאַטריאָט, אָבער ווייל ער האט מיט זיין דיקטאַטאָרישען כאַראַק-טער פערבערענט אַלע בריקען צו דער פוילישער געזעלשאַפט אין אַ קייט פון פּאַקטען, וואס וועגען זיי איז נישט דאָ דאס אָרט צו רעדען, דעריבער האָט וויעלאָפּאָלסקי בעשלאָסען צו גלייכבע-רעכטיגען די יודען.

די יודען האבען בעקומען אַקטיווע און פּאַסיווע וואַהל-רעכט אין די נאָר-וואס געשאַפענע קרייז און שטאָדט-ראַטען. עס איז געוואָרען אַבגעשאַפט דער פערבאָט פאַר יודען צו קויפען ערד און די בעגרעניצונג פון וואוין-אָרט. יודען ווערען אויך אויסגעהערט אַלס בעגלויבטע עדות אין געריכט. צום סוף האט וויעלאָפּאָלסקי געפּלאַנט אפילו צו שאַפען אַ יודישען קאָנסיס-טאָריום. דאס לעצטע איז אָבער אַב-געהאַלטען געוואָרען.

אָבער דורך די דאָזיגע געזעצען האט וויעלאָפּאָלסקי זיין ציעל נישט דערגרייכט. די יודישע בעפעלקערונג האָט מיט איהם נישט סימפּאַטיזירט. אַ טייל צוליעב די אַסימילאַטאָרישע טענ-דענצען, וועלכע מען האט געזעהן אין די דאָזיגע געזעצען, איבערהויפּט אין דעם פּלאַן צו שאַפען אַ קאָנסיסטאָריום וואס וועגען איהם האט געלערנט די טרויעריגע ערפאַהרונג פון נאַפּאָלעאָנ'ס קאָנסיסטאָריום. אָבער דער עיקר האט דער גרעסטער טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג אין יענער צייט טיעף סימפּאַטיזירט מיט דער פוילישער פריי-הייטס-בעוועגונג, האָט אַנטיילגענומען אין די פוילישע נאַציאָנאַלע מאַניפעס-טאַציעס געגען וויעלאָפּאָלסקי'ן און גע-גען דער רוסישער מאַכט און האָט זיך לעבעדיג אינטערעסירט מיט דער דאָ-זיגער בעוועגונג. צווישען די פינף הרוגים אין דער בעקאַנטער מאַניפעס-טאַציע פון 27 פעברואר 1861, איז אויך געווען איין יוד, לאַנדע. אין די יודישע קלויזען האט מען געזינגען, ווי אין די קירכעס להבדיל, דאס פוילישע פּאַטריאָטישע ליעד „באָזשע צאָש פּאָל-סקען" און אַז מען האט צוליעב די נאַציאָנאַלע מאַניפעסטאַציעס אין די קירכעס (ווי תפלות פאַר געפאַלענע פוילישע נאַציאָנאַלע העלדען) געשלאָ-סען די קירכעס, זענען אויך געשלאָסען געוואָרען די יודישע שולען.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיגער בעציהונג פון די יודען צו דער פּויל-שער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, האָט זיך אויך געביטען די בעציהונג פון די פּאָליאַקען צו יודען. די סוחרים-רעסור-סע בעשליסט נישט צו פיהרען מעהר קיין צוויי רשימות פון סוחרים בעזונ-דערע פאַר יודען און קריסטען, נאָר איין איינהייטליכע רשימה. דער פאַב-ריקאַנטען-פעראיין בעשליסט אַנצונעמען יודען אין די צעכען און אַזוי ווייטער. יודען ווערען פאַקטיש גלייכבערעכטיגט פון דער פוילישער געזעלשאַפט.

נאָך דעם, ווי ס'איז אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד, האָט די אויפשטאַנדס-מאַכט פערעפענטליכט אַן'אויפרוף פון דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג צו די ברידער פּאָליאַקען פון משה רבנו'ס גלויבען", וואס אין איהם זענען די יו-דען גערופען געוואָרען צו נעמען אַנ' אַנטייל אין דעם פוילישען פרייהייטס-קאַמף. צוו. אַנד. ווערט דאַרט געזאָגט: „אין פוילען זענען נישט געווען קיין בלוט-בלבולים און רדיפות, בעת אין רוסלאַנד פּראַקטיצירט זיך עס זאָגאַר איצט. ווען מיר וועלען מיט ג-טס הילף בעפרייען דאס לאַנד פון מאָסקווער יאָך, וועלען מיר געמיינזאַם געניסען פון שלום. איהר און אייערע קינדער וועלען האָ-בען אַלע רעכט אָהן שום בעגרענצונ-גען, ווייל די נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט זיך נישט נאָכפרעגען וועגען אייער רע-ליגיע און אָפּשטאַמונג נאָר וואו איהר זייט געבוירען געוואָרען".

אויסער דעם אויפרוף איז אויך פּער-עפענטליכט געוואָרען אַ קול-קורא פון די רבנים וועגען אונטערשטיצען דעם אויפשטאַנד. אָבער אַ טייל יודען האָ-בען זיך דאָך בעצויגען צום אויפשטאַנד נישט גינסטיג צוליב דער אַסימילאַטאָ-רישער טענדענץ פון דעם יודען-פראַג-ראַם פון דער אויפשטאַנדס-מאַכט.

אַנדערטהאַלבען יאָהר האָט אַנגעהאַל-טען דער אויפשטאַנד. אַ סך יודיש בלוט איז פערגאָסען געוואָרען אויף די פוילישע קאַמפּס-פעלדער. אָבער צוזאַ-מען מיט דער מפּלה פון אויפשטאַנד און מיט'ן צוריקציהען די הנחה-געזע-צען פאַר די פּאָליאַקען, איז אויך בטל געוואָרען די יודישע גלייכבערעכטיגונג. ערשט אין דער סאַמע לעצטער צייט זענען ווי בעוואוסט אָפיציעל אַבגע-שאַפט געוואָרען די צאַרישע בעגרענ-צונגען פאַר יודען אויפ'ן שטח פון דער פוילישער רעפּובליק.

יהושע האש.

אַ באַנדיטען=אנפאַל.

(נאָוועלע).

האַלבע נאַכט. פאַר'ן טויער פון איי-נעם פון די הייזער אויף אַ פערוואָר-פען געסעל אין לאָנדאָן, שטעהט אַנ'-אָרים-געקליידעטער יונגער מאַנספּער-שוין.

— וואס טהוט מען? וואוהין געהן? — האָט ער געטראַכט — אַהיים? ווייל איך ווידער נישט קענען אַנטשלאָפען ווע-רען. מיין פרוי לאָזט מיך נישט צורוה. אויך זי האָט דאָך מסתמא אַ גאַנצען טאָג גאָרנישט געהאַט אין איהר מויל.

דורך אַ גאַנצען טאָג האָט ער אומ-זיסט געזוכט אַרבייט. זייט זעקס חדשים איז ער אַרבייטסלאָז. מתחילת האָט ער געהאָפט, אַז ס'וועט זיך איהם איינגע-בען צו געפונען בעשעפטיגונג, אָבער לעצטענס האָט ער שוין פערשטאַנען, אַז אַלע זיינע אַנשטרענגונגען וועגען אַרבייט, זענען ציעללאָז. בעטלען האָט ער נישט געקענט. מיט צוויי וואָכען צוריק האָט ער שוין אויך דאס פאַך פּרובירט, אָבער ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז ער איז נישט אימ-שטאַנד צו קאָנקורירען מיט די פּראָ-פעסיאָנעלע שנאָרערס.

און דערווייל האָט ער כסדר אויס-פערקויפט אַלץ וואס ער האָט געהאַט. יעצט איז איהם גאָרנישט מעהר פּער-בליבען. אַ גאַנצען טאָג האָט ער זיך געשלעפּט איבער די גאַסען פון גרויסען לאָנדאָן, קוקענדיג אין די שוי-פענסטער פון די לעבענסמיטעל געוועלבער. פון פריה אָן האָט ער גאָרנישט געהאַט אין זיין מויל.

אין שרעקליכען פערצווייפלונג האָט ער געפּרובט בעטען אַ נדבה, אָבער די אַדורכגעהער האָבען לחלוטין נישט געלעגט קיין אכט אויף איהם און אַט אין דער האַלבער נאַכט, ווען ער האָט זיך פערהאַלטען פאַר'ן טויער פון אַ הויז, איז ער געקומען צו דער ענטגיל-טיגער רעציזיע: ער וועט אויספיהרען אַ באַנדיטען-אַנפאַל! אין ערגסטען פאַל, אויב מ'וועט איהם אפילו כאַפּען, וועט ער געהן אין תפיסה. שליסליך — איז עס בעסער ווי הונגער — טויט.

דאָס געסעל איז שוואַך בעלויכטען, קיין פּאָליציי אין דער געגענד זעהט מען כמעט קיינמאָל נישט. דער שטח איז אַלזאָ זעהר פּאַסיג. ווען ער וועט נאָר דערזעהען אַנ'איינזאַמען אַדורכגע-הער, וועט ער איהם אַריינציהען אין טויער און איהם בערויבען. אין עטלי-כע מינוט אַרום האָט זיך בעוויזען עפּיס אַ מאַנספּערשוין. דער אַרבייטס-לאָזער האָט צוגעדריקט די פויסט. אַל-זאָ יעצט אָבער קיינמאָל נישט!

אין דער לעצטער מינוט האָט איהם אָבער געפעהלט דרייסטקייט. ווען דער אומבעקאַנטער איז דורכגעגאַנגען נעבען איהם, האָט ער אַראָפּגעצויגען דעם קאַפּעלוש און מיט אַ ציטערדיגע שטי-מע געשעפּטשעט: — אַ גאַנצען טאָג האָב איך גאָרנישט געגעסען. כ'בין נישט קיין בעטלער נאָר אַנ'אַרבייטס-לאָזער. העלפט מיר!

דער אומבעקאַנטער האָט געצויגען מיט די אַקסלען און פערשנעלערט די טריט, ווידער האָט דער אַרבייטסלאָזער צוגעדריקט די פויסט. — אַלזאָ נישט מעהר פערבליבען, איך מוז רויבען! נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג!

דער אַדורכגעהער איז שוין געווען ווייט. ער האָט בעשלאָסען צו וואַרטען אויף אַ צווייטע געלעגענהייט. אין עט-ליכע מינוט שפּעטער, האָט ער דער-זעהען אַ הויכען גוט-געבויטען מאַן זיין אַ פּאַלטאָ מיט אַ פוטערנעם קאָלנער. זאָל אַלזאָ זיין דער מענש! ער האָט זיכער ביי זיך געלד, ער זעהט אויס ווי אַ סוחר.

ס'האָט איהם אָבער אַרומגענומען אַ אונרוהיגקייט, דער אונבעקאַנטער זעהט אויס צו זיין אַ שטאַרקער מענש און ער האָט אַ גאַנצען טאָג אין מויל נישט געהאַט. ער וועט זיך מיט איהם נישט קענען קיין עצה געבען. באַלד האָט ער אָבער בעמערקט, אַז דער אַדורכ-געהער וואַקעלט זיך אויף די פיס. מסתמא שכור און אויב אַזוי איז גוט.

אין אַ מינוט שפּעטער האָט אַבגע-הילכט אַ מורא'דיג געשריי. דער אַר-בייטסלאָזער האָט אַריינגעשלעפּט זיין קרבן אין טויער און איידער יענער האָט בעוויזען צו אָריענטירען זיך אין דער סיטואַציע, האָט ער בעקומען אַ פעסטען קלאַפּ מיט אַ דיקען שטעקען אין קאָפּ פּאַלענדיג בעוואוסטלאָז. דער אָנפאַלער האָט איהם שנעל רעווידירט און דערנאָך פון בייזקייט גענומען שעל-טען. אין פּאָרטמאָנעל האָט ער נאָר גע-פונען פערזענליכע דאָקומענטען, צומאָל קיין זייגערל האָט דער בעפאַלענער נישט געהאַט ביי זיך און אויך נישט קיין אַנדערע ווערטפולע זאַך.

נישט געלונגען. דער אָנפאַלער האָט שוין געהאַט בדעה צו אַנטלויפען, ער האָט אָבער בעמערקט, אַז זיין קרבן ווייזט נישט מעהר אַרויס קיין שום לע-בענס סימנים.

ס'האָט איהם דעם אָנפאַלער בע-הערשט אַ מורא אפשר האָט ער דער-הרג'עט, דאָס וואָלט דאָך געווען שרעקליך. ניין, ער טאָר נישט דעם מענש איבערלאָזען אויפ'ן חסד פון גורל, ער מוז איהם ראַטעווען. ער האָט אַנגעקלאַפּט אין אַ וואוינונג — כ'האָב געפונען אין טויער אַ בעוואוסטלאָזען מענש — האָט ער געזאָגט צו דער פרוי, וועלכע האָט איהם געעפענט די טהיר — מען מוז איהם העלפען! די רחמנות'דיגע פרוי איז געלאָפען נאָך וואַסער.

אין עטליכע מינוט שפּעטער, האָט דער בעפאַלענער צוריקבעקומען דאס בעוואוסטזיין, אויפגעהויבען זיך מיט אייגענע כוחות דאַנקענדיג האַרציג דער פרוי און דעם אַרבייטסלאָזען פאַר דער ערטייל'טער הילף.

— כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז מיין סוף — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיג — ס'איז אָנגעפאַלען אויף מיר אַ באַנ-דיט, וועלכער איז געשטאַנען פאַר'ן טויער. דאס געסל ווערט געפעהרליך.

דעם אַרבייטסלאָזען איז געווען אַ רחמנות אויף דעם אונבעקאַנטען, וועל-כען ס'איז צומאָל אויפ'ן געדאַנק נישט געקומען, אַז פאַר איהם שטעהט טאַקע דער אויספיהרער פון אַנפאַל.

ווען זיי זענען ביידע דערנאָך גע-גאַנגען אויף דער גאַס, האָט דער אונ-בעקאַנטער איהם געפרעגט — מיט וואס בעשעפטיגט איהר זיך?

— אַמאָל בין איך געווען אַ פאַבריק-אַרבייטער. זייט זעקס חדשים האָב איך נישט מעהר קיין אַרבייט.

— איך אויך — האָט ער בעקומען אַנ'ענטפער. געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויסער פירמע, זייט זיבען חדשים בין איך רעדוצירט געוואָרען. אַלץ שיין פערקויפט. אָ ווען נישט דאָס, וואס כ'האָב נאָך היינט גאָרנישט גע-האַט אין מיין מויל, וואָלט איך דעם באַנדיט געלערנט דרך-ארץ.

יודיש: נ—אָנק.

חזן—מי אדיר—חופּה-שטאַנגען.

זעהענדיג, אַז עס איז שלעכט, איז חזן באַדאַש אַוועק צום משורר און איהם בערוהיגט, אַז ער וועט שוין מהיום והלאה זינגען דעם אַלטען מי אדיר.

דעם משורר ווערט בעסער, ער קען זיך אָבער נאָך אַלץ נישט בערוהיגען, טענה'נדיג, אַז דאס האָט איהם דער חזן אַבגעטהון אַ שטיקעל ציליעב אַנ'-אַלטען כעס, וואס ער טראָגט אויף איהם.

מען „פּרוזשנעוועט" נישט.

איהר האָט אַ טעות, ווען איהר זאָגט אַז די היינטיגע יוגענד פערברענגט זייערע טעג מיט נאַרישקייטען.

גלויבט מיר, וואס זיי טהון אַוועק אין איין טאָג, האָבען מיר צוזאַמען מיט אונזערע זיידעס נישט אַדורכגע-מאַכט ס'גאַנצע לעבען.

נו אדרבה, זאָגט אַנדערש.

איך וועל אייך נאָר ברענגען אַ ביי-שפּיעל:

איך בין צופעליג פערגאַנגענעם זונ-טאָג אַדורך די קילינסקי גאַס, הער איך ווי אַ ראַדיאָ שפּיעלט פרעהליכע מעלאָדיעס. בין איך געוואָרען נייגעריג מאַ קאַ משמע לן, וואס דערצעהלט עפּיס דער ראַדיאָ אין דער גאַס אריין, בין איך אַוועק אויף אַ פּלאַץ, זעהענ-דיג ווי נאָך מענשען געהן און וואס מיינט איהר האָב איך דאַרט געזעהן, ווי הונדערטער יונגעלייט גליטשען זיך, מען גליטשט זיך ביחידות און מען גליטשט זיך פּאָרענווייז, ווי אויך גאַנ-צע גרופּען און פון מינוט צו מינוט ווערט דער עולם גרעסער, מאַמעס ברענגען צו פיהרען זייערע קינדער, טהון זיי אָן די גליטשערס און פיהרען זיי אַוועק אויף דער גליטש און זיי, די מאַמעס, וועלכע קענען זיך נעביך נישט גליטשען, שטעהען פונדערוויי-טענס און זענען מקבל נחת.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך זעה אַ ביהנען-שטאָק וואו ס'ראַיען טויזענדער ביהנען.

צו דעם אַלעם שפּילט צו דער גראַ-מאָפאָן און מען גליטשט זיך און מען גליטשט זיך ביז אין דער טיעפער נאַכט אַריין.

אויך אחינו בני ישראל זענען דאַרט שטאַרק פערטרעטען.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער דרייסטקייט פון די יונגעלייט די זי-כערקייט, וואס זיי פּיהלען אויף דער גליטש און האָבען נישט מורא, אַז זיי וועלען פאַלען, האָט מיר אַזש אַנגע-הויבען שווינדלען אין קאָפּ.

אויך די זש. ט. ק. נוצט אויס די זונטאָגס און לאָזען זיך אַוועק אויף שליטענס קיין אָלשטין.

נו פרעג איך אייך: האָבען אונזערע זיידעס און מיר אויך בתוכם זיך אויך געגליטשט. דוכט זיך, אַז זיי גליטשען זיך אדורך איין זונטאָג מעהר ווי מיר ס'גאַנצע לעבען...

אַ יוד צו זיין איז טייער...

כאָטש איך ווייס נישט אַזוי דעם טעם, וואס אַ יוד איז אַזוי גוט געבוי-רען צו ווערען. דאַכט זיך, אַז מעהר ווי צרות האָט מען נישט און פונדעסט-וועגען זענען אַלע מקנא דעם יוד, איז דער יוד די איינציגע אַטראַקציע, ביי וואס מען קאָן נאָך האָבען ערפאָלג.

דאס איז אַזוי ביי פּאָליטיק. ווייל למשל היטלער עולה לגדולה זיין, נעמט ער אין זיין פּראָגראַם אַריין די יודען-פראַגע און ער בעקומט מיליאָנען אַנ-הענגער. אַזוי איז אויך אין אַנדערע לענדער.

ווילען ווידער פוילישע אַרטיסטען האָבען ערפאָלג שטעלען זיי אַ יודישע פּיעזע, אָדער זיי גיבען אין זייער רע-פּעטואַר אַ יודעל, שלייפען איהם צו צום געשמאַק פון עולם, איז דער ער-פאָלג אַ געזיכערטער.

אַזוי זעהען מיר זאָגאַר אין די קי-נאָ-פילמען, אַז ווען מ'וויל פאַרשטעלען אַ טיפּ, וואו דער עולם זאָל זיך ווייל-לען שפּאַנט מען איין דעם יוד.

איבער די גאַסען זענען די וואָך אַרומגעלאָפען די פערשטעלטע פּורים-שפּילער, האָבען זיי זיך פערקליידט אין פערשידענע מאַסקעס, נאָר דעם גרעסטען ערפאָלג האָבען געהאַט די יודישע טיפּען, נאָך זיי זענען גע-לאָפען הורמעס און זיי געמאַכט אָוואַ-ציעס.

אמת, עס האָט נישט געהאַט קיין יודישען חן, אָבער ערפאָלג האָבען זיי געהאַט און די דורכגעהענדע קריסטען האָבען מיט די פינגער געוויזען: זשי-דזשי!

אויך די פערשטעלטע „יודען" האָ-בען אָנגעקוואָלען פון זייערע אייגענע מאַסקעס, וואס זיי קאָנען כאָטש איינ-מאָל אין יאָהר זיין יודען, פיהלען דעם טעם פון אַ יוד צו זיין.

דאַכט זיך, ווען זיי וואָלט אויסגעקו-מען אַ גאַנץ יאָהר צו זיין יודען פיה-לען אויף זיך דעם לאַסט פון אַ יוד צו זיין וואָלטען זיי אַזוי נישט אַנגע-קוואָלען.

א יוד צו זיין איז טייער...

אין ערוואַרטונג.

מיט גרויס אומגעדולד וואַרטען מיר שוין אויף דעם ערשטען קאָנצערט, וואס קומט פאַר מאָרגען שבת אין פּיי-ערלעשער-זאַל איינגעאָרדענט דורכ'ן גלענצענדען מענער-כאָר א. נ. פון אונ-זער אונפערגעסליכען קאָמפּאָזיטאָר א. ב. בירנבוים.

אין רעפּערטואַר די שענסטע פּערל פון דער יודישער פאָלקס-מוזיק און עס וועט אויסגעפיהרט ווערען דורך די לייבען פון די היגע כאָריסטען: גראַבי-נער, עדעליסט, שמידט, ריכטער, וואַגאַ, א. אַנד. מיט וועלכע עס דיריגירט אונזער בן עיר ה' לעווקאָוויטש.

דאס וועט זיין דער ערשטער סיגנאַל פאַר א רייהע קאָנצערטען.

דאַרפען מיר טאַקע זיי אויפנעמען מיט ענטוזיאַזם כדי זיי צו געבען כח און מוטה צו אַרבייטען אויף דעם גע-ביעט, כדי צו פּעראייביגען אונזער א. ב. בירנבוים.

זענען מיר טאַקע אין ערוואַרטונג

לויתן

פארוואס זארגט די רעגירונג פאר'ן דארף און נישט פאר דער אינדוסטריע?

„גאזעטא פאלסקא" בעגרינדעט די געזעץ-פראיעקטען פון דער רעגירונג וועגען פערקלענערען די צינזען פון די חובות פון דער לאנדווירטשאפט און וועגען אפלייגען דאס בעצאהלען פון די קורץ-טערמיניגע היפאטעק-חובות אויף שפעטערע טערמינען.

„וואס האט געצוואונגען די רעגירונג ארייננצוזרינגען דארט, וואו די בעציהונג צווישען קרעדיטאר און בעל-חוב איז געווען א דורכאויס דירעקטער?"

כדי צו ענטפערן אויף דער פראגע שטעלט זיך די צייטונג אפ באריכות אויף אלע פראבלעמען, וואס זענען פערבונדען מיט'ן עקאנאמישען קריזיס.

„זייט 1929 שרייט מען, אז אלץ איז דא אין א צו גרויסער מאס. ס'איז דא צופיל תבואה, צופיל ביינוועל, צופיל קאווע, רייז, פלייש א. ד. ג. די איבערצייגונג וועגען אנ'איבערפלוס פון דער פראדוקציע איז געקומען דערפון, וואס די הכנסות פון די ארבייטס-ווארשטאטען זענען געפאלען. די פויערים נעמען איין פאר זייערע לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען ווייניגער וויפיל זיי דארפען צו האבען אויף צו דעקען אלע אויסגאבען ד. ה. די רוחים זענען נידריגער ווי די קאסטען.

„אין פוילען איז די אינדוסטריע געגאנגען אויפ'ן וועג פון פערקלענערען די פראדוקציע. די לאנדווירטשאפט איז אויף דעם וועג נישט געגאנגען. איבערדעם דארף די לאנדווירטשאפט ווערען געשיצט מצד דער רעגירונג. מחמת א דאנק דער האנדלונג פון פויער, וועלכער האט נישט פערקלענערט זיין פראדוקציע ווייס נישט פוילען פון קיין הונגער אין דריטען יאהר פון קריזיס. פוילען האט א דאנק דעם אנ'אקטיווען האנדעלס-בילאנס. פוילען פאסט זיך צו צו נייע ווירטשאפטליכע בעדינגונגען, אנשטאט צו באנקראטירען.

„איבערדעם טאקי איז די רעגירונג אויפ'ן געביט פון דער לאנדווירטשאפט איינגעגאנגען ארויסצוגעבען א רייה פערארדנונגען, וועלכע דרינגען אריין טיעף אין די פריוואטע בעציהונגען. קודם כל אין די בעציהונגען צווישען קרעדיטאר און בעל-חוב.

„קודם כל האט מען פערבאטען דעם קאמאראניק דעם שוטריט צום תבואה-שפייכלער. די ערשטע פערארדנונגען בנוגע שטייער הנחות פאר דער לאנדווירטשאפט און דאס בעשווערען אדורכצופיהרען עקזעקוציעס, האבען געשאפען בעדינגונגען פאר אפמאכען צווישען די קרעדיטארען און די בעל-חובות. מ'האט אנגעוויזען דעם קרעדיטאר, אז ער איז אליין פעראינטערעסירט דערין צו דערהאלטען דעם ארבייטס-ווארשטאט, וועלכען ער האט ערטיילט א הלואה.

דער צווייטער עטאפ איז געווען דאס אריינדרינגען פון דער רעגירונג צווישען קרעדיטאר און דעם פויער דעם בעל-חוב, וועלכער האט גענומען לאנג-טערמיניגע קרעדיטען.

היינט קומט דער דריטער עטאפ. די רעגירונג גיט דעם פויער די מעגליכקייט אפצולייגען אויף א שפעטערדיגען טערמין דאס בעצאהלען פון די קורץ-טערמיניגע הלואות. דאס איז געשעהן דערפאר, ווייל דער קרעדיטאר איז ניט געווען גענוג אינטעליגענט, אז ער זאל אליין שליסען אנ'אפמאך מיט'ן בעל-חוב. די אינטערווענץ פון דער רעגירונג איז געווען נויטיג דארט, וואו די געלד-גייציגקייט האט גובר געווען די געזונדע לאגיק.

די פערארדנונגען וועגען די לאנג און קורץ-טערמיניגע קרעדיטען נעמען ארום א סומע פון בערך 2 און א האלבען מיליארד זל. די העכסטע אויסגאבען פון פויער, וואס האבען געבילדעט די צינזען פון די חובות זענען אויף אזוי פיעל פערקלענערט געווארען, אז דער פראדוצענט וועט דערזעהן, אז ער האט צו טייער פראדוצירט. דאס פערקלענערן די פראדוקציע-קאסטען פון דער לאנדווירטשאפט דורך פערקלענערן די צינזען פון די הלואות קען און דארף ברענגען א העכערונג פון די פרייזען פון די לאנדווירטשאפטליכע ארטיקלען.

„די נידריגע פרייזען פון דער לאנדווירטשאפטליכער פראדוקציע זענען געקומען אלס רעזולטאט פון דער נישט רענטאבעליטעט פון די לאנדווירטשאפטליכע ארבייטס-ווארשטאטען. די מארק פרייזען זענען געווען נידריגע, ווייל זיי זענען געווען עהנליך צו ליקווידאציע-פרייזען. עס איז טאקי נישט אויסגעשלאסען, אז די לעצטע רעגירונגס-פערארדנונגען האבען גורם געווען די איצטיגע העכערונג פון די פרייזען פון די לאנדווירטשאפטליכע ארטיקלען.

„אז די איצטיגע פרייזען-העכערונג טראגט נישט קיין כאראקטער פון „פשעדנאוועק" בעווייזט די גרויסע צאהל אומזאצען, ווען ס'וואלט נישט געווען קיין תבואה וואלט מען דאך נישט געקענט מאכען אזעלכע ריזיגע אומזאצען.

די לעצטע פערארדנונג דארף מען אין א געוויסער מאס גורם זיין איינצושטעלען דאס גלייכגעוויכט צווישען דער שטאדט און דעם דארף.

געזעצליך - גאראנטירטע געהיימע אבשפארונגען.

די גרעסטע בעקוועמליכקייט, וועלכע די פ. ק. א. גיט איהרע קליענטען איז די געהיימניס פון די וקלאדען, וועלכע זענען אין דער אינסטיטוציע געזעצליך גאראנטירט. דאס האט א געוואלדיגע בעדייטונג, ווייל קיינער קען זיך נישט דערוויסען וועגען דער סומע פון די אבשפארונגען, וועלכע זענען אוועקגעלעגט אין פ.ק.א.

וועגען דעם צוזאמענפאהר פון די ציוניסטישע פרנסים.

אין צוזאמענהאנג מיט די צייטונגס-ידיעות, וועלכע האבען זיך לעצטענס בעוויזען, וועגען צוזאמענפאהר פון די ציוניסטישע פרנסים פון יודישע קהלות אין פוילען, ערקלערט דער ועד הראשי פון ציוניסטען-רעוויזיאניסטען אין פוילען, אז ער האט קיין שום שייכות נישט מיט דעם דאזיגען צוזאמענפאהר.

רינג-קייט לטובת קרן העליה ביים בית"ר.

י. גליקסמאן 3 זל. רופט ארויס מ. שובקה,, י. ווייסמאן, י. ווארמונד, וויכמאן (קלאבוצק), שידלאווסקי אמסטאוו, ש. עפשטיין, ב. וואלבערג, ל. זעלוועור צ. קאנטאר.

י. קאלין ענטפערט 2 זל. רופט א. מאנדעל, ד. דיאמענט, י. ליבערמאן, ד. זילבערבערג.

ר. בוים 2 זל. רופט פ. ראטענבערזשאנקא, מ. יארקאוויזנא און א. לעוויט.

מ. רודניצקי 1 זל. רופט ב. מאשקאוויטש, מ. בערלינער, פ. הויפטמאן ר. מאשקאוויטש, ה. צוקערמאן, י. לאנצבערג.

ב. ראַרטענפעלדובנא 1 זל. רופט י. גאדט, ר. גראנקובנא, ה. מאנדלובנא י. האראוויטש און א. טשארנילאסובנא.

ג. פיכטענצווייזאנקא ענטפערט 1 ז. רופט פ. ארונוביטשובנא, פ. בראטובנא, ה. הויפטמאנובנא, ש. אלטער, מ. קויפמאן, ס. גרייצער.

ה. ראטשטיין 1 זל. רופט ל. גארדאן, י. גיטלער, א. הארעוויטש-ווייצבערג 1 זל. רופט פ. טשארנילאסובנא, א. ניימאנובנא, ל. לאנדוי, נ. שטיינהארט, ב. יארקאוויזנא, ז. גליקסמאן.

ג. גערשאנאוויטשובנא 1 זל. רופט י. הויפמאן, י. פרשגערובנא.

פון דער חברה „תומכי עניים" (גוט שבת יודעלעך).

די חברה „גוט שבת יודעלעך" אפעלירט צו דער יודישער בעפעלקערונג, אז זי זאל שטיצען זייער טעטיגקייט אין שענקען געלד פאר די הונגעריגע נויטליידענדע, געדריקטע פאמיליעס, וועמענס צאהל עס פערגרעסערט זיך מיט יעדען טאג, יעדע שעה. די נויט און דער הונגער שרייען ממש צום הימעל, און די חברה איז נישט אימשטאנד צו בעפרידיגען אפילו א קליינעם טייל פון די וואס דארפען געשטיצט ווערען צו ראטעווען פון הונגער-נויט. זאל יעדער ווד ביי קריאת המגלה און ביים דאוונען אין פורים, די דאזיגע אומגליקליכע יודען אין אכט נעהמען און מנדב זיין לויט זיין יכולת, זאל יעדער געדענקען דעם הייליגען חוב צו ערפולען און נישט אויסשליסען זיך פון העלפען די אומגליקליכע אבגעקומענע פאמיליעס.

פון י. ס. א. פ. „פועלי - ציון" (פאר. מיט צ. ס. פ.)

פרייטאג דעם 3-טען ד. ח. פונקטליך 8 א זייגער אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל ווארשאווער 21, א חברים שמועס א. ד. ט. „דער מהות פון „פועלי-ציוניזם" (חברים דיסקוסיע).

איינגאנג פריי פאר חברים און סימפאטיקער.

אך, די שרעקליכע רעומאטישע ווייטאגען!...

מאטערן א גאנצען טאג, יעדער ריהר שאפט אונגעהויערע שמערצען. צו וואסזשע זיך אזוי מאטערן — מען דארף, ענדליך, א סוף מאכען צו די ליידען. טאגאל האלט איין דאס אנזאמלען זיך פון אורין-זויער, וועלכע איז, ווי בעוואוסט, די אייגענטליכע סבה פון די דאזיגע ליידען און דעריבער בעקעמפט טאגאל מיט גרויס ערפאלג רעומאטיזם-שמערצען פאדאגרע, נערוועען און קאפ-וועהטאגען, אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. פרובט און איהר וועט זיך אליין איבערצייגען.

בעקומען אין אלע אפטייקען.

רעגיסטרירט נומער 1364.

Togal

געדענק דאס ווארט!

ראדיא־א רפואה געגען דאגות

שמחות ביי יודען.

(א ביסעל איינדריקען).

נישט אלע מאל מוז איך אייך דערצעהלען וועגען טרויריגע געשעהענישען — דאסמאל, האב איך גראד בלויז פרעהליכע נייעסען, וועגען שמחות ביי יודען.

די וואך איז פארגעקומען א רבי'שע חתונה אין אונזער שטאדט האבען די אנהענגער און חסידים פערגעסען וועגען קריזיס און אלע האבען זיך געגרייט אויף דער חתונה.

זייערע הערצער זענען אנגעפולט געווארען מיט חסידישער התלהבות און בעת דער חופה האט מען זיך געשטופט און געשטויסען, זאגאר פרעמדע מענשען זענען געשטאנען עטליכע שעה אויפ'ן הויף אין דער קעלט, אבי זיי זאלען כאפען א קוק אויפ'ן חתן אדער אויף דער כלה, פיעל האבען זיך פארגעשטעלט אלס צייטונגס-קארעספאנדענטען, אבי מען זאל זיי אריינלאזען און אריינקומענדיג אין שטוב האבען זיי זיך טאקי אוועקגעזעצט ביים טיש און געריסען א סעודה. נישט דאס בין איך אייסען...

מילא די חתונה ווי די חתונה. אזוי ווי ביי אלע יודען, מען האט געטיילט בולקעס מיט פיש און מסתמא אויך פלייש א. ד"ג. אויך האבען זיי איינגעלאדען דעם בעריהמטען בדחן ישראל'קע בראדער מיט זיין זוהן, וועלכע האבען געוויילט דעם עולם. נאר א פאמפע האט מען געמאכט, עפיס א גאנצע אימפרעזע, וועלכע האט זיך לויט מיין מיינונג זעהר גוט איינגעגעסבען...

אקעגען דעם חתן זענען געפאהרען מקבל פנים זיין צו דער באהן, א יוד א טרעגער מיט א גרויסער בארד, וועלכען מען האט אנגעטהון אין א אטלאסענע קאפאטע מיט א רבנישען קאפעלוש און איהם אויפגעזעצט רייטענדיג אויף א ווייס פערד. אויף דאראזשקעס זענען געפאהרען חסידישע יונגעלעך אנגעטהון אין קאנפעדעראטקעס מיט פוילישע נאציאנאלע פאהנען און געזונגען: והסידים ברנה יגילו.

די דורכגעהענדע קריסטען האבען געמיינט, אז דאס זענען פערשטעלטע, וועלכע זענען מקיים הלכות קארנאוואל און לכתחלה האבען זיי בעוואונדערט וואס א שגץ האט זיך אזוי גוט פערגרימירט און האבען געזאגט „אך, אן וויגלאנדא יאק פראוודזשיווי זשיד", נאר שפעטער ווען זיי האבען געוואויר געווארען, אז דאס איז טאקי אנ'אמת'ער יוד און אז מען איז זיך משמח צוליעב א חתונה האבען זיי געבורטשעט, „ווידזשיטשע, יאק זשידזשי מאיאם דאבזשע", אויך צווישען אונז זאל עס בלייבען אונזערע אחינו ישראל די „נישט-פערגינערס" האבען געמורמעלט: אז עס פאסט נישט אין דער היינטיגער צייט זיך צו מאכען אזוי לעכערליך און איבער'ן שטאדט מאכען אזעלכע צערעמאניעס און אויפרייסען ביים עולם די אויגען...

אבער ווער הערט זיי, עס איז געווען א אימפרעזע מיט'ן קנאק, זאל די שטאדט וויסען, אז עס קומט פאר א חתונה און אז די שטאדט האט זיך דערוואוסט איז א פאקט, ווארום מענשען אין די הונדערטער האבען בעלאגערט דאס הויז און האבען אבגעהיטען, אז עס זאל קיין עין-הרע נישט געשעהן. און אפילו די פיפיגע גנבים האבען זיך דערוואוסט וועגען דער חתונה און האבען אויסגעשניטען די קעשענעס ביי די מחותנים און ארויסגענומען די פאר גרייצערס און זיך געוואונשען מזל-טוב צו זייער געווינס...

אין דער ישיבה „כתר תורה" איז פארגעקומען א בחינה דורכ'ן נשיא פון די ישיבות הרב דוד משה ראבינאוויטש.

אהן אויסערליכען רעש, אהן פאמפעס, דערפאר אבער איז געווען אינערליכע התלהבות, זעליגע פרייד.

דאס „קאזאצקע" שטיבעל איז פול מיט נייגעריגע, די טישען זענען צונויפגעשטעלט ווי א חית, ביי וועלכע עס זיצען ארום עטליכע פערציג בחורים ביי די אפענע גמרא'ס.

פון אויבען זיצען, דער נשיא אין דער אסיסטענץ פון ר' ישראל'קע טשענסטאכאווסקי, משה שטאהל א. א. דערנעבען שטעהט דער מנהל ר' ראובן רעכטמאן, וועלכער גלעט זיך נערוועז די בארד און איז ווי מען זאגט אין טראנס און אין הארצען בעט ער, אז עס זאל אלץ אדורך בשלום...

נישט קוקענדיג דער דערויף, וואס עס געפונט זיך אויפ'ן זאל איבער צוויי הונדערט מענשען הערשט א פוילשטענדיגע רוהיגקייט, נאר ווען דער נשיא גיט א פרעג וועגען א שווער שטיקעל גמרא ווערט מיטאמאל די שטילקייט איבערגעריסען דורכ'ן ענטפער פון עטליכע צעהנדליגגער מיילער. דעם זייטיגען צושויער איז אפילו שווער זיך צו אריענטירען צי די אלע, וואס ענטפערן וויסען וואס זיי רעדען, דער נשיא אבער הפנים, קאן שוין זיינע חברה און טראץ דעם, וואס אלע ענטפערן מיטאמאל כאפט ער אויף ווער עס רעדט צו דער זאך און ווער נישט, ווארום באלד גיט ער א פרעג דעם וואס ער אנערקענט פאר שוואכער און עס ווייזט זיך ארויס דער אמת.

אזוי האט זיך די בחינה געצויגען זונטאג א גאנצען אווענד ביז שפעט אין דער נאכט און אויך צומארגענס מאנטאג א גאנצען נאכמיטאג ביז מנחה נאך מנחה בעת איך האב געכאפט א שמועס מיט'ן נשיא, הערט זיך פלוצים א זמר'ל און דאס זמר'ל ווערט וואס אמאל שטארקער און עס פערכאפט אלץ א גרעסערן קרייז און שוין פלעכטען זיך הענד און מען געהט א ריקוד'ל און די התלהבות צופלאקערט זיך און אויף אלע פנימ'ער שיינט א גליקליכער פרעהליכער שמייכעל און אין מיטען זינגען הערען זיך אויסגעשריען: יחי הנשיא, וואס ווערט אונטערגעכאפט פון גאנצען עולם און מען זינגט און מען טאנצט ווייטער.

איך האב דארט פערבראכט עטליכע שעה. צוקוקענדיג דאס בילד האט אין מיין מח אויפגעטויכט אלטע פערגעסנע בילדער פון מיין יוגענד, ווען מיר האבען פערבראכט ביי דער גמרא און דארט האבען מיר געפונען אונזער גייסטיגען אינהאלט, אונזער עלית-נשמה...

איך האב זיי פערשטאנען, איך האב געפיהלט זייער שמחה, זייער הארציגע פרייד.

דאס איז ווירקליך געווען א שמחה במעונו.

די לעצטע צייט זענען עולה קיין ארץ-ישראל הונדערטער יודישע יוגענלייט.

וואך ביי וואך פאהרען זיי אדורך אונזער באהן-סטאציע ווי אויך א גרויסע צאהל יוגענד פון אונזער שטאדט איז זיך מיט זיי מתחבר און פאהרען צוזאמען קיין ארץ.

אויפ'ן וואקזאל פערזאמלען זיך הונדערטער בעגלייטער, סיי די וועלכע זייערע קרובים פאהרען אוועק ווי אויך סתם נייגעריגע, וועלכע קומען צוקוקען ווי אזוי די גליקליכע יוגענד פאהרט צו זיך אהיים, כדי אויפצובויען זייער לאנד.

אויפ'ן וואקזאל זינגט מען און מען טאנצט און עס פליסען טרערען, טרעהרען פון שמחה.

און נישט בלויז יודען פרעהען זיך, נאר עס זענען אויך פערהאן קריסטען, וועלכע זענען צופרידען וואס מען ווערט פטור פון אפיסעל יודען...

די שמחה איז אבער אנ'עכט יודישע און טויזענדער יודען וואלטען זיך געווינשען צו זיין אין זייער לאגע.

אט ווי איהר זעהט, האב איך אייך דערצעהלט וועגען—

שמחות ביי יודען.

סמאל.

היט זיך! געדענק וועגען דער צוקונפט!

VETO איז דאס זיכערסטע פּאָפּולערסטע אַנטיווענערישע מיטעל.

VETO איז דער סימן פון וויסען, בעווייז פון גרויסער פּאָרטשריט פון די געלעהרטע איבער דער שוץ פון דער מענשהייט פאַר דער גרויסער געפאַהר.

פון היגען ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען פערבאַנד.

זונטאָג, דעם 5 ד. ח. 10 פריה קומט פאַר די קאָנסטיטואירענדע פערזאַמלונג פון שקל - קאָמיטעט אין אונזער שטאָדט. די פערזאַמלונג קומט פאַר לויט דער איניציאַטיוו פון ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען-פערבאַנד אין זייער לאָקאַל. צו אַלע אָרגאַניזאַציעס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען איינלאַדונגען און זיי ווערען געבעטען צו שיקען זייערע פאָרשטעהער.

אין דער נאָהנטסטער צייט וועט וויילען אין אונזער שטאָדט דער בעקאַנטער רעוויזיאָניסטען-פיהרער ד"ר י. שעכטמאַן, מיטגליד פון ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט. ה' שעכטמאַן וועט אַרויסטרעטען מיט אַ רעפעראַט אין איינעם פון די גרעסטע זאַלען אין אונזער שטאָדט.

פון די רעוויזיאָניסטישע קרייזען אין אונזער שטאָדט גיט מען אונז איבער אַז אין קורצען וועט קומען קיין טשענסטאָכאָוו פרוי ד"ר יאָז, מיטגלידערין פון רעוויזיאָניסטישען ועד-הראשי אין פוילען, אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָרגאַניזירען אין אונזער שטאָדט אַ „רעוויזאָ". פרוי ד"ר יאָז איז בעקאַנט אַלס גלענצענדע רעדנערין און זי וועט אַרויסטרעטען מיט אַ רעפעראַט אין אונזער שטאָדט מיט'ן צוועק צו בעקענען די ציוניסטיש געשטימטע פרויען מיט די ציעלען פון „רעוויזאָ" און מיט די אויפגאַבען פון דער יודישער פרוי אין יעצטיגען מאָמענט.

מאָרגען שבת, אַ גרויסער קאָנצערט פון'ם כאָר א. נ. פון א. ב. בירנבוים.

שבת האַלב 9 אָווענד קומט פאַר אין פייערלעשער זאַל אַ גרויסער קאָנצערט פונ'ם כאָר א.נ. פון א.ב. בירנבוים.

אין דעם דאָזיגען כאָר גרופּירען זיך די בעסטע און אַלעמען גוט-בעקאַנטע זינגער פון אונזער שטאָדט.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס דער קאָנצערט האט אַרויסגערופען אַ גרויסע פעראינטערעסירונג ביים ברייטען עולם, וועלכער איז נייגיריג צו הערען די שוין לאַנג נישט געהערטע זינגער און מען קאָן שוין פאָראויסזאָגען, אַז דער קאָנצערט וועט אַדורך מיט דעם פערדינטען ערפאָלג.

דער שלאַגער פון פּראָגראַם וועט זיין די בעקאַנטע קאָמפּאָזיציע פון א. ב. בירנבוים „במה מדליקין".

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה' באַטשאַן, אַלעע 6.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די יודישע גימנאַזיעס

זונטאָג דעם 5 מערץ פונקטליך 3 נאָכמיטאָג וועט אין לאָקאַל פון די יודישע גימנאַזיעס פאָרקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג אויף וועלכער אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען.

פון בית"ר.

דער מפקד הקן פרץ לאָסקער האט צוריקקומענדיג פון מיליטער-דינסט שוין איבערגענומען די אַרבייט אין קן. שבת איז פאָרגעקומען אַ אסיפת הקן אויף וועלכער דער אח מפקד האט רעפערירט „דער מהות פון ביתר".

אַ דאַנק דעם צופלוס פון זעהר פיעל אחים ות זענען געשאַפען געוואָרען דריי נייע כיתות.

אין אַלגעמיין אַרבייט דער קן זעהר אינטענסיוו. דער קן צעהלט קרוב 200 מיטגלידער.

דאָנערשטאָג דעם 9 מערץ האַלב 9 קומט פאַר אַ טרויער - אַקאַדעמיע, געווידמעט דער 13 יאָהרצייט פון יוסף טרומפּעלדאָר. איינגאַנג פריי.

אַ „פייף" אין „וואַרטאַ".

זונטאָג דעם 5 ד. ח. 5 נאָכמיטאָג קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל פון י. ס. ק. „וואַרטאַ" אַ „פייף". אָנהויב 5 נאָכמיטאָג

דער קרייז פון יוד. אַקאַדעמיקער

מעלדעט, אַז שבת, דעם 4 ד. ח. 8 אָווענד קומט פאַר דער ערשטער פונ'ם ציקל רעפעראַטען א. ט. „געניאַלע מענשען פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט". איינגאַנג פאַר מיטגלידער און איינגעלאַדענע געסט.

דאס לאַנגיעהריגע וויין און ספּירט-געשעפט פון יצחק מענדיל עפּשטיין איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויפ'ן נייעם מאַרק רוג וואַרשאַווער א. ד. פ. „זלאָטי רוג".

אַ דאַנסינג אין זש. ט. ג. ס.

זונטאָג דעם 5 ד. ח. 6 אָווענד קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל פון י. ט. ס. פ. אַ דאַנסינג מיט פערשידענאַרטיגע אַטראַקציעס.

גרויסער פורים-באַל „עדלידע".

דער ציוניסטיש - רעוויזיאָניסטישער פערבאַנד אין טשענסטאָכאָוו אָרדענט איין דעם 12 מערץ אַ גרויסען פורים-באַל. דער באַל טראָגט דעם נאָמען פון תל - אביב'ער קאַרנאַוואַל „עדלידע". צווישען די פיעל פאָראויסגעזעהענע אַטראַקציעס איז אויך פאָרגעזעהען אַנ-ארץ-ישראל רעווי, אויסגעפיהרט דורכ'ן דראַמאַטישען קרייז ביים בית"ר, וועלכער האט זיך שוין קונה שם געווען ביי דער ערעפנונג פון קרייז, אויספיהרענדיג אַ דראַמע פון א"י לעבען „דאס צושטערטע גליק".

אַ קינדער-פאָרשטעלונג.

זונטאָג, דעם 12 מערץ, פורים אַרדענט איין די אָכראַנקע ביי דער געזעלשאַפט „דאָבראָטשיננאָשטש" אַ קינדער פאָרשטעלונג מיט אַ זעהר רייכען פּראָגראַם.

די פאָרשטעלונג וועט פאָרקומען אין זאַל פון דער עוואַנגעלישער יוגענד אַלעע 14 און וועט זיך אָנהויבען פונקטליך 11 פריה.

בילעטען צו 49 גר. פאַר קינדער און 99 גר. פאַר דערוואַקסענע.

אַ „שוואַרצע קאַווע" ביי די האַנדווערקער.

שבת, דעם 11-טען ד. ח. 8 אָווענד קומט פאַר ביי די האַנדווערקער אַ פערוויילונגס-אָווענד א. נ. „שוואַרצע קאַווע" מיט רייכע אַטראַקציעס, ווי געזאַנג מוזיק א. אַנד.

אָהן סערטיפיקאַט קענסטו בעזוכען דעם תל-אביבער פורים-קאַרנאַוואַל „עדלידע".

פון ספּאָרט

אינטערעסאַנטער באָקס - מעטש.

א גרויסע פעראינטערעסירונג האט אַרויסגערופען דער באָקס-מעטש צווישען דער ערשטער און צווייטער מאַנשאַפט פון יודישען טורן-און ספּאָרט-פעראיין. ביידע מאַנשאַפטען זענען זעהר גוט צוגעגרייט און טרעטען אַרויס אין זייער בעסטער אויסשטעלונג.

צוליב דעם, וואָס די צווייטע מאַנשאַפט פערשפּרעכט אַרויסצוגעהן פון דעם מעטש מיט א בכבוד'ן רעזולטאַט דאַרפען די קאַמפען זיין זעהר עמאָציאָנירענד.

א שעהנעם קאַמף וועט ערוואַרט פון די צוויי זעהר יונגיטשקע באָקסערס ווינדמאַן און גרין, וועלכע געהערען צו דער צוקונפט. ביידע פליגענגעוויכטער שילניצקי און פייערשטיין זענען פיזיש זעהר שטאַרק, זייער לעצטער קאַמף האט געגעבען א רעמי-רעזולטאַט. לעצטענס האט אָבער שילניצקי געמאַכט פאָרטשריט. דעם רעזולטאַט אין קאַמף כוואַט—אַדערבערג קאָן מען נישט פאָראויסזעהען, ווייל ביידע שטעלען זיך פאַר נישט שלעכט. ווען עס וועט אַדערבערג'ן געלונגען צו האַלטען זיין געגנער אויף דיסטאַנס, איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז ער וועט זיגען. זילבערבערג אין לעצטענס אַראָבגעפאַלען אין דער פאָרם, דאָך דאַרף ער זיגען מיט דעם שווערערען שלעזינגער, דאס וועט איהם אָבער אַזוי לייכט נישט אָנקומען. דער קאַמף צווישען דעם רוטינירטען יורקעוויטש און עלעגאַנט באָקסענדען כליוונער-2 דאַרף זיין זעהר שעהן, ווייל ביידע טראָגען אַריין פיעל אינטעליגענץ.

קיווי, וועלכער בעזיצט די בעריהמטע פויזנער באָקס שולע פערשפּרעכט אין קאַמף מיט כליוונער-1 פאַר דעם פוירי. גען פערשפּילען זיך צו רעוואַנזשירען. צום שלוס קאַמפען שיין – ראַמאַן, שיין וועט מוזען אויסנוצען זיין רייכען באָקס רעפּערטואַר, כדי צו בעזיגען דעם גוט-פערשפּרעכענדען ראַמאַן. דער קאַמף דאַרף זיין פון די שענסטע.

דעם אַלגעמיינעם רעזולטאַט קען מען נישט גענוי פאָראויסזאָגען, יעדענפאַלס דאַרף עס זיין צום גונסטען פון דער ערשטער מאַנשאַפט, דאָך נישט קאָמפּראָמיטירענד פאַר דער צווייטער מאַנשאַפט.

די קאַמפען, וועלכע ווערען ערוואַרט מיט אונגעדולד קומען פאַר שבת, דעם 4 מערץ פונקטליך 8 אָווענד, אין זאַל פון י.ט.ס.פ.

נדבות אין רעדאַקציע.
ח. פר. 2 זל. פאַר בית לחם.
גאָלדמינץ 1 זל. פאַר יתומים-הויז.

גאַנץ טשענסטאָכאָוו ווילט זיך אויפ'ן פורים - קאַרנאַוואַל „עדלידע".

טעלעגראַם! ראַטעוועט אייער געזונד!

אָהן בלוט און אָהן מעסער! היט אייך פאַר פערקריפּלונג!

קומט עס זאָל נישט זיין צו שפּעט!

ליידענדע אויף פערשידענע געבּרעכליכקייטען און קערפּער-פערקריפּלונגען-רעטונג, הילף, רפואה פאַר ברוך-קראַנקע מענער, פרויען און קינדער — פערנאַכלעסיגט אייך נישט, ווייל דער ברוך ווערט גרוים ווי א מענשען! קאָפּ און ווי א וואַסער-קאַן און קאָן זיין לעבענס-געפעהרליך אין בראַנדיג ווערען. איך נעם אויף ליידענדע: 1) בראָכען, בויכבריכען, געבערים-מוטער-ברוכען און העגנע-ברוכען, 2) פערקרימטע פּליִיצעס (הויקערס), לעהמונגען, אַלערליי פוס-פערקריפּלונגען, פאַר פרויען מיט געשוואָלענע פוס—גומענע זאָקען, פאַר פעט-לייביגע ספּעציעלע גומענע באַנדאַזשען, וואס מאַגער די פיגור. דער קראַנקער ווערט געהאָלפען מיט ספּעציעלע גומענע תיל-באַנדאַזשען און פ-אַנצויזישע מאַסאַזשען, פאַר פערקרומטע פּליִיצעס—גאָרסעטען און אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען ווי אויך גימנאַסטיק.

אויב איהר ווילט אייערע יאָהרען אויסלעבען אָהן אָפּעראַציעס, ווענדעט אייך צו דער אויסלענדישער ספּעציאַליסטין, וועלכע בעזיצט א 20-יעהריגע פּראַקטיק און איז געקומען נאָך טשענסטאָכאָוו און בלייבט נאָך אויפ'ן פערלאַנג פון טשענסטאָכאָווער פּובליקום און פון דער פּראָווינץ אויף אַ לענגערען אויפענטהאַלט

און נעמט אָן

אַ גאַנצען טאָג אין האָטעל קאַליסקי, פּילסודסקי 1, צימער 8.

דיר. ראַפּאָפּאָרט.

בעמערקונג: צוליעב דער זעהר שווערער צייט זעהר בילינע פרייזען.

דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען:

פּראָפ. ד"ר באַראַנטש, פּראָפ. ד"ר י. מאַרישלער, פּראָפ. ד"ר בר. קאָסאַוואַצקי און אויך אַנדערע.

SUPERTOMASYNA

Produkcji Państwowej Fabryki Związków Azotowych w Chorzowie
zaw. 20—23% kwasu fosf. (P2 O5) (dostarczamy także ca 16% towar)

SOLE Kainit AZOTNIAK — TOMASYNA Tomasyna-AZOTNIAKOWANA

ZAKŁADY TOMASFOSFATOWE Sp. z o. o

KATOWICE, ul. Kopernika 14, tel. 19-10.

פערזוימט נישט מיט הילף!

די פערצווייפעלטע לאַגע, אין וועלכער עס געפונען זיך היינט הונדערטער יודישע פאַמיליעס, די גרויסע געפאַהר, וואס דראָהט די אָבגעקומענע הונגערליידענדע ערשט נישט לאַנג פערמעגליכע בעלי בתים, האט געצוואונגען די געזעלשאַפט בית לחם פאָרצונעהמען אַ גרויסע רעטונגס-אַקציע פאַר די דאָזיגע אומגליקליכע אונזערע ברידער און שוועסטערן און פערשאַפען מיטאָגען פאַר זייערע פערשמאַכטע הונגערליידענדע קינדער, דאס זיי זאָלען מיטעסען מיטאָגען אין די הייזער, וועלכע האָבען נאָך א שטיקעל ברויט צו זאַט און א דאַך איבער'ן קאָפּ.

מעלדענדיג וועגען דעם, בעטען מיר אַלע היגע יודען, וואס דער רוף וועט צו זיי דערגרייכען צו נעמען זיך אונזערע ווערטער צום האַרצען און אונטערשרייבען א דעקלאַראַציע, וויפיעל יעדער איז זיך מתחייב אַרויסצוגעבען מיטאָגען ביי זיך, ביי זיין אייגענעם טיש, אָדער אויסצוקויפען קופּאָנען צו 25 גר. א שטיק אויף מיטאָגען, וואס וועלען אַרויסגעגעבען ווערען אין קיכען.

די דעקלאַראַציעס וועלען אַרויסגעשיקט ווערען דורך די מיטגלידער פערפלעגונגס-קאָמיטעט, וואס איז ביי דער אינסטיטוציע געגרינדעט געוואָרען. און יעדער וואס פיהלט מיט די אומגליקליכע דאַרף אזא דעקלאַראַציע אומבעדינג אונטערשרייבען.

מיר ערוואַרטען א גרויסע ברייטע הילף פון דער יוד. געזעלשאַפט!

מיר אַליין מוזען זיך העלפען און וואס שנעלער איז בעסער!

די פערוו. פון „בית לחם".

„Grand-Kino" קאָשטשושקי גאַס. לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

דאָס קונסטווערק פון וואַלטער פאָרד

ROME-EXPRES

מיט קאָנראַד ווייִדט און עסטער ראַלסטאָן.

אויסערדעם קלאַנג-צוגאַבען.

Teatr „ODEON" אַלעע 27, לעצטער סעאַנס 10 אָווענד.

פילם, וועלכער בעריהרט די טיפסטע פּראָבלעמען פון הייראַט און ליעבע

MAŁŻEŃSTWO DLA OPINJI

מיט דער עלעגאַנטסטער פרוי פון האָלליוואָוד **קאָנסטאַנס בּעננעט.**

אויסער דעם קלאַנגס-צוגאַבען.

שבת און זונטאָג 12 א זייגער בּיליגע פאָרשטעלונגען צו 49 גר

RAJSKI PTAK מיט דאָלאָרעס-דעל-ריאָ.

ערשטער מוסטערהאַפטער קלאַנג-קינאָ **Nowości** לעצטער סעאַנס 9-30 אָווענד. ... טערע טעג.

פאַר 49 גראָשען קאָן יעדער בעזוכען דעם פּרעכטיגען פּראָגראַם

ZEMSTA TONGA

דער שענסטער פילם פון סעזאָן. אויסער דעם 3 קלאַנגס-צוגאַבען.

שבת און זונטאָג 12 מיטאָג דאָפּעלטער פּראָגראַם פאַר 49 גר.

Djablica z Tripolisu און Braterstwo Ludów.

אַלע וועלען זיך וויילען שבת, דעם 11-טען מערץ

אויף דער „טאָז" = פערוויילונג

אין פייערלעשער = זאַל

5 נאָכמיטאָג א קערמאָש פאַר דער שול-יוגענד

11 אָווענד א גרויסע פערוויילונג פאַר דערוואַקסענע.

א מאַסע אַטראַקציעס, ווי לאָטעריע, אויסוואַהל פון „מיס טאָז".

אויף דער פערוויילונג וועלען ספּעציעל אינסטאַלירט ווערען טעלעפאָן-אויטאָמאַטען ביי יעדען טישעל. — א לאָקאַלער ראַדיאָ. — פערשידענע קאָנקורסען און פיעל אַנדערע איבערראַשונגען. — אויסגעצייכענטע מוזיק פון 5 נאָכמיטאָג.

איינגאַנג פאַר שול-יוגענד אויפ'ן קערמאָש 99 גר., פאַר דערוואַקסענע 2.50.

איינלאַדונגען שיקט אַרויס דער „טאָז"-סעקרעטאַריאַט. — טעלעפאָן 7-56.

Redaktor: Izrael Płockier Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier Druk. B. Bocian, Aleja 6